STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02880

IN DROYSN FUN DER VELT

Moyshe Steingart

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין דרויסן
פון דער וועלט

פון זעלבן מחבר:

אַליין, 1950
לידער

פאַרלאַג
טינט און פעדער
טאָראָנטאָ, קאַנאַדע

משה שטיינגאַרט

אין דרויסן פון דער וועלט

פאַרלאַג **ברידער שולזינגער** ניו-יאָרק

1 9 7 8

IN DROISN FOON DER VELT

(Poems)

Copyright 1978 By
MOISHE STEINGART

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROTHERS, INC.

אין דרויסן פון דער וועלט

א

דער האַרבסט רוישט איבער מיר מיט פאַרנאַכטיקן ווינט
און שפּרייזט אויף ברוינע בלעטער פון באַנק צו באַנק
אונטער הימל, וואָס פאַרדעקט מיך מיט גרוי אויף גרוי.
דורך פאַרנעפּלטע אויגן דערזע איך דעם פייכטן ווינט
צעעפּענען פאַר מיר ביימער אויסגעטאַנענע,
אָפּגעדעקטע צווייגן אין פאַרצויגענע שאָטנס
איבער גאַנצער כמורנער ווייט פון ליידיקן פּאַרק.
אַ דינער רעגן שטויבט זיך אַרויף אויף מיר
און איך נעם אויף דעם געלאַדענעם צער
פון אַלץ, וואָס שטאַרבט זיך אַריין אין מיר,
דער אָוונט וועפּט זיך אויס אין פייכטן ציטער
און פאַרמאַכט זיך איבער מיר, ווי אַ לאָדן,
איך דערהער דעם האַרבסטיקן גערויש מיט שאַרפן
קלאַנג איבער מיר, נאָנט און געשטעלט —
איך בין אין דרויסן פון דער וועלט.

ב

די זון צינדט ליכט אויף ווייסע צווייגן
און צעלאָזט אַ קאַלטן שימער איבער ווייסן טאָג,
דער ווינט נאָדלט די שפּיצן פינגער,
דער פראָסט שלייפט אַ דימענט אין מיינע אויגן,
די ווייסקייט פון טאָג יאָגט זיך אָן אויף מיר
מיט קאַלטער פאַרכט פון ווינט איבער ליידיקן פעלד,
דער שניי ווייטערט אַוועק דעם טאָג פון מיר —
דער בלענד פון ווייסקייט נעמט מיך אַרום,
לאָזט מיך איבער אין אַ ווייסן פאַרנאַכט,
וואָס פאַרמאַכט זיך איבער מיר מיט ווייסן סוד,
אויך איך ווער ווייס,
איך ווער שטיל ווי דאָס אײַז,
וואָס פרירט מיך אַריין אין ווייסן ליכט,
איך ווער נענטער צו זיך אַליין —
איך דערזע זיך צום בראשית פון מיין געביין.

ג

די ווייסעביימער שטייען שטיל ווי שניי,
פון די צווייגן טראָפּנט אַראָפּ די זון,
וואָס פאַלט אַרויס פון מיינע אויגן
און צעשפּריצט זיך אין צעשימערטן שטויב.
צום ערשטן מאָל זע איך דעם טאָג אַזוי צעליכטיקט:
דאָס ליכט קוועלט אין קאָליר נאָך קאָליר
און יעדער קאָליר ווערט פון פרישן ליכט פאַרצערט,
דאָס ליכט ווערט צופיל,
דאָס אויג ווערט פאַרבלענדט
און ציט אַריין דעם טאָג אין פאַלנדיקע וויעס,
דער הימל וואַלקנט זיך אַראָפּ איבער מיר,
פאַרדעקט דעם לעצטן צינד פון טאָג
און אַלץ ווערט שטיל ווי וואַל —
איך דערזע, אַז נאָר דעם טויט
זעט מען יעדן טאָג צום ערשטן מאָל.

ד

די ווייסע וועלט, וואָס איז אָפּגעגאַנגען פון מיר
דער מאַטער טאָג, וואָס האָט מיך מיט פראָסט פאַרשטילט,
האָט זיך שוין אַרויסגעווינטערט פון מיינע אויגן.
כ׳האָב זיך נישט דערקאַנט אין צעלויכטענעם ווייס,
נישט אין געפרוירענעם בלוי, וואָס האָט פון די
צעהאַנגענע אייז־ליכט אַראָפּגעשימערט.
דאָס ליכט איז ווייט און פרעמד געווען,
כ׳האָב געוואָלט זיך צוריק זען צום ערשטלינג טעג,
ווען די וועלט האָט זיך נאָנט געזען אין מיר
און איך האָב זיך געוויזן אין איר מיט געוואָרענעם נס.
כ׳האָב איבערגעדויערט אי דעם ערשטן פראָסט,
אי דעם טרויער פון לעצטן צערונענעם שניי
און ס׳וויטערט נאָך אַלץ דער ווינט איבער מיר
און פֿרישעט מיין בליק אין אויפגעקומענעם דרויסן —
נאָר מיך, רייצט נאָך אַלץ דער לאָקער צו בלינדע פאַראויסן.

ה

און אַצינד, אין לעצטן שאָרך פון צעשויבערטן מערץ,
זע איך ווידער דעם אויסגעטאָנענעם בוים,
דעם נאַקעטן צווייג וועם ס׳דראָט דער סוף פון ווידערגעבורט,
ס׳גייט אויף אין מיר סיי דער צער, סיי די טרייסט
פון ווערנדיקן פרילינג, וואָס וועטערט זיך אַריין
אין דער וועלט פון פלאַנציקן ווידעראַנאַנד —
וואו יעדער געבוירן און יעדער אויפסניי,
איז נישט מער ווי טויט געכפלט אויף טויט.
און אַלץ, וואָס איך שפיר און דערזע און דערקאָן,
זענען בלויז שפליטערס פון רגעס, וואָס זאַמלען
און שטויבן זיך אויף מיר מיט לאַסט פון טעג
נישט דערזעענע און נעכט נישט דערחלומטע.
איך קום צו זיך אַריבער פון חלום צו חלום,
וואָס גרייכט מיך מיט ווידערקום פון יעדן זמן,
ווען ס׳וועקט מיך דער ערשטער רויש פון אויפגעגרינטן לאַן.

ו

די הייזער וואָס ציען זיך, ווי דיקע וואָלקנס
און רינגלען מיך מיט כמאַרעדיקע ווענט,
דערזען זיך צו מיר פון אַ מוטנעם דרויסן
וואו איך בין קיינמאָל נישט געווען.
איך קום אַריין אין אַ פרעמדן דרויסן
וואו אַלץ ווערט מיט שרויפן אויפגעשטעלט,
בויער און לאָם, האַמער און דלאָט, צערייסן
דעם טאָג מיט גרילץ פון שטאָל אויף שטאָל
און פאַרניטעוועט שטיקער מיך אין רויטן ראָסט.
אַן אַלכעמיקער מיט דראָטענע פינגער ציט אַרויף
אַ נעאָן־לבנה איבער אַ נאַילאָן געהאָפטענעם הימל,
וואָס וויגט זיך איבער מיר מיט גרויל פון לעצטער שעה
און ברענט אויס אַ רויטן פרעג אויף מיין שטערן —
איז דאָס די וועלט, וואָס דו האָסט זען געוואָלט?
איז דאָס די וועלט, וואָס דו האָסט זיך אויסגעמאָלט?

ז

דער הימל איז ווייט און הויך און העל,
דאָס ליכט איז ווייך, דער ווינט איז מילד
און דער טאָג איז לינד, נאָנט און אָפן,
כ׳זע זיך אין גרין, אין בלוי, אין מאַראַנט
און שלאָג זיך אָפּ אין יעדער וואַכער פאַרב
צעשימערט איבער בוים און צווייג און בלאַט.
דער שאָטן הינטער מיר פאַרשווינדט,
אַלץ אַרום מיר איז פריי און פול מיט געהער,
איך בין דער זעער און דער דערזעענער
אין אָפענער וועלט פון לויטער ליכט,
וואָס שטראָמט איבער מיר נאָנט און אומגעריכט.
כ׳שפּאַן באַרוישט פון בוים צו קנאָספּ און בליט
און נעם אויף מיט לויב דעם ערשטן שפּראָץ פון צוויט,
כ׳שפּיר דעם סוד פון ווערן זיך עפענען איבער מיר
און זיך פאַרמאַכן פאַר שאָטן פון מיין האַנטס באַריר.

ח

מיט שטוין אויפן פנים, מיט גאַף אין די אויגן,
זע איך דיך אין מאַרגנדיקער ערשטקייט אַנטפּלעקט.
צעפּעכערט אין דיין נייעם געצווייג און געבלעטער,
רוישסטו איבער מיר מיט פרישׁ צעאָטעמטן גרין,
וואָס פלאַמט אין דינעם גאָלד פון אָנהייב זון.
דער מאַרגנדיקער געפּליסטער פון דיינע בלעטער
נענטערט זיך צו מיר מיט אויפגעגאַנגענעם סוד,
וואָס קומט מיט פּאַרכטיקער שטילקייט פון אָנהייב ליכט.
אַצינד, ווען דער הימל איז אָפן און אַלץ איז געהער
דערהער איך זיך צו אַלץ, וואָס גרינט און בליט.
דיין ברייטער שאָטן הייטלט זיך אַרויף אויף מיין געשטאַלט
און איך זע דיך גרייכן ווייטער אַוועק פון מיין אויג,
דיר איז באַשערט צו זיין צופיל מער פון מיר,
דו ביסט אינעווייניק פון אַלץ, וואָס בליט און העלט —
איך, בין שטענדיק אין דרויסן פון דיר אַרויסגעשטעלט.

ט

די זון, אַ פייערדיקע שווערד, הענגט איבער מיר
פונעם ערשטן ערשט, ווען כ׳האָב דיין וועלט דערזען.
האָסט מיט צאָרן פאַרזיגלט דיין גזר אויף מיר
כ׳זאָל אַ דרויסנדיקער אין דער פרעמד אַרומגיין,
האָסט געבאָטן אַלע ווינטן מיך פון דיין וועלט
צו פאַרטרייבן — און יעדן ווינט באַזונדער.
יעדן טאָג זע איך זיך אין פייער צעלויכטן —
אין יעדן פייער בין איך דער זעלבער יצחק
און אויף יעדן אַש, דער זעלבער איוב.
דורך אַלע ווינטן הער איך דיין ערשטן רוף —
דיין ערשטן קול מיך פרעגן וואו איך בין.
פון אַלע פרעמדן צי איך זיך צו דיין וועלט,
וואָס איז גאַנץ געווען מיט מיר און דיר
און נישט דיין שיין לויכט אויף איבער מיר,
און נישט דיין שאָטן זאַמלט מיך איין אין דיר.

י

האַר, דער זומער און איך דערגייען שוין צום ראַנד,
פאַרן זומער, זענען די שפּריי־רעגנס נישט געקומען
און דיין שפּע טריקנט איבער אַלע דיינע לאַנען.
באַפעל די לינדע ווינטן אַ הויך צו טאָן איבער
לעצטן גאָלד, וואָס ברענט אָפּ דעם שאָטן פון בוים.
שיק דעם טוי איבער פעלד און בייט, און זאַנג.
עפן אויף מיט ערשטן חסד אַלע דיינע הימלען
און לאָז מיט רחמים אַרויס די זון.
פאַר מיר, צעעפן מיינע לעפצן מיט ברכה פון דיין וואָרט
און שענק מיר דעם טראָט צו געגענען צו דיר
מיטן געלייטערטן צער פון אָפּגעקומענעם חוטא.
אין דער שעה פון נישט נאַכט און נישט טאָג —
אין אַ וועלט, וואָס נידערט אין לעצטן פאַרנאַכט,
לאָז פאַלן אַ דינעם שטראַל מיט נס אויפגעהעלט
און פיר מיך אַריין אין דיין ערשטער, גאַנצער וועלט.

אונטערן קאַשטאַן בוים

דער קאַשטאַן בוים נויגט זיין שאָטן איבער מיר,
דער אָוונט גייט ווייטער פון צעפּעכערטן בוים,
דורך די צווייגן לעשן זיך די לעצטע שפּאַלטן ליכט —
די ערשטע בלויען קוקן אין מיינע אָפענע אויגן אַריין.

נאָנט צו זיין מיט געצווייג, געבלאַט און געפלאַנץ,
אַן אָפּקלאַנג פון ווינט אויף צעפינגערטן בוים —
אַריין אין אַלץ, וואָס אָטעמט איין דעם פאַרנאַכט;
ווערן בלויז וואַכער געהער, איז איצט מיין באַגער.

די נאַכט קומט אָן, איך שפּיר איר פרישן אָטעם,
שטילער שאָרך פון גראָז האַלט מיך מיט לויער וואַך,
די ערד איז קיל, איך דריק זיך נאָנט צו איר
און לעבן מיט לעבן אָטעמט אין נאַכט זיך פאַנאַנד.

דער ווינט מישט אויס מיינע האָר מיט גראָז,
די בלעטער שאָקלען שטערן אַראָפּ אויף מיין קאָפּ,
אונטער שירעם פון בוים ווערט טיפער די נאַכט
און לעשט אויס דעם לעצטן לאָקער אין מיין אויג.

דער בוים וויגט דעם ווינט און מיך אין דרימל, אין וואַך
און פלאַטערט איבער מיר מיט סומנעם רויש פון וואַלד,
ס׳ציטערט אויף מיר דער שאַרך פון ווערנדיקע בליטן —
איך דערהער פון געפלאַנץ דעם אויפגעוואַכטן בלי.

אָן וואָרט, אָן קלאַנג הער איך אין געהער זיך אַריין,
מיינע אָפענע ליפּן ציטערן, ווי טולפּאַנען אין ווינט —
דערהערן דעם אָטעם פון זאַכן — איז גרויל דער לוין,
איך בין בלויז ווייטער געהער און גאָרנישט מער.

דאָס לעצטע פּייער

די זון צינדט אויס דאָס לעצטע פּייער,
פון אָפּגעצונדענע ביימער —
בלעטערט זיך אַוועק דער טאָג.

ס׳איז שטיל —
איך הער די וואָלקנס גיין אין דער הויך,
די וועלט איז אָפן,
אַלץ איז וואַך.

דער הימל איז דורכזיכטיק דין,
איך — דורכזיכטיקער, דינער,
איך בין דינער, לויטער פּאַרכט.

דאָס אויג פאַלט אַראָפּ,
דאָס האַרץ ווערט אויס —

גאָט, ביזט צופיל.

באָם קוואַל

הויכער טאָג קוועלט פון דיינע אויגן אַרויס.
אויף אַלץ אַרום דיר קוקסטו אַצינדער, ווי אַן
אַלטער וואונטש וואָלט דיר דאָ אַנטקעגן קומען.
גייסט נאָך דינעם קלאַנג אין ווינט, וואָס רופט
דיך צו שירעמדיקן שאָטן פון בוים, גלייך ער
וואָלט דיך גערופן צו אַ פריער באַשטימט אָרט.

דער בוים מיט דורות צווייגן אויסגעשטעלט
גייט דיר נאָך מיט לאַנגן שאָטן איבערן וועג.
וואָך איז דער מינדסטער ריר פון דיין בליק
צו דערקענען אַלץ, וואָס גייט פאַרביי דיין אויג.
אַזאַ דין געהער, אַזוי שאַרף פאַרשפיצט אַצינד
האָסטו נאָך קיינמאָל דינער נישט אויפגענומען.

לעצטער ווידערקול פון דיין טראָט שטעלט זיך אָפּ,
שטילער פלאַטער פון ווינט היפּערט איבערן קוואַל,
די וועלן בלעזלען, טוקן זיך אין קוועליקן שפּריי,
וואָס צעשטערנט זיך אין געשימער פון דער זון.
קוקסט אַריין אין שפּרודל פון מורמלדיקן פלוס
און זעסט זיך אויפגיין אין געשטאַלטן אַלערליי.

דער שימער מאַכט גרעסער די זון איבערן קוואַל,
צערט אָפּ דעם שאָטן פון בוים אויף דיין געזיכט.
ליכט מיט ליכט האָט דאָ מיט דיר זיך אָנגעטראָפן,
וואָס איז געווען פאַר דיר פאַרהוילן — ווערט אָפן,
זאָלסט נישט פאַרבלינדט ווערן פון גאָרער שיינקייט,
וואָס גרייכט איצט דיין פאַרכאַפּטן בליק אַריבער.

דו ביסט דאָך נישט דאָס יינגל פאַרנאַרט צו ווערן
פון אייגענעם ווידערקול, זאָלסט אין צעשפּילטער
שיין פון זון איבער פלוס זינקען צום גרונט
באַס ערשטן קוק אויף דיין אָפּגעשפּיגלט געזיכט.
נישט צוליב דעם איז איצט דיין בליק אַזוי קלאָר
און ס׳ליכט פון טאָג אַזוי בלאַנד אין דיין אויג.

דיין באַזונדער איז שטענדיק געווען קלאָר געצייכנט,
דיין בליק האָט געהיט, וואָס דיין אויג נעמט אַרום,
האָסט בלינדן גורל קיינמאָל גאָרנישט אָנפּאַרטרויט
און אין ווייסן מירמלשטיין זיך נישט אַרויסגעשטעלט.
מיט פּראָסטן שטיין צוקאָפּנס האָסטו גלייך אין אָנהייב
באַלד דערקאָנט דעם גאַנצן זין און מיין פון: איך בין.

דיין אָנגעזיכט איז אַלעמאָל פאַר אַ שפּיגל געשטאַנען.
צו יעדן ברונעם, וואָס דו ביזט נאָר אַמאָל דערגאַנגען,
אין וועלכן פלוס דו האָסט זיך נאָר אַמאָל אָנגעשפּיגלט
האָסטו גענוי געוואוסט פאַרוואָס דו ביזט צום קוואַל
געקומען און ווער ס׳האָט דיך צו אים געשיקט —
דאָס איז דיין אויסנעם און אויסנאָם פאַרבליבן.

פון דיין בליק קוקן נאָך אַלע דיינע נעכטנס אַרויס,
דיינע ליפּן מיט מדבר־זון צעקאַרבט און אַ שליימיקער
שטיין האָט זיך געבאַרגט אויפן מויל פון קוואַל.
ביסט געשטאַנען אַ געפּרואווטער ווידער אַמאָל געפּרואווט
צו ווערן, און יעדער נסיון האָט מיט פרישן גענאָד געוואַרט
דיין געשטאַלט זאָל דעם לויטער פון קוואַל אָפּשפּיגלען.

אַ פרעמדער אין דער פרעמד איז אַ פרעמדער שאָטן
אויף דיר געפאַלן. ביסט נישט פאַרפרעמדט געוואָרן.
דער קוואַל מיט זיין לויטער איז דיר נאָכגעגאַנגען,
געקילט דיינע טריט אונטער פאַרצערנדיקער ערד,
ציטעריק דיך געשירעמט, באַהיט פון מוטנע פלוסן
זאָלסט מיט פרעמדן שאָטן נישט פאַרטונקלט ווערן.

דער טאָג לייטערט זיך אין בליק פון דיינע אויגן.
צווישן שפּריצן ליכט און שפּליטערס שאָטן האָסטו
היינט דיין געשטאַלט וואָרהאַפטיק דערקאָנט. אַזויפיל
גענאָד רוט אויף דיר אַצינד, דיינע פולע ליפּן מיט
צוק און ציטער עפענען זיך מיט לויב פאַר אַלץ,
וואָס האָט זיך צו דיר אין מיטן טאָג אַנטפּלעקט.

פון אַלע פרעמדן שטייסטו אַצינד אַן אַנטרונענער.
דער קוואַל שלאָגט אַפּ דיין דערהויבענעם באַזונדער,
האַפטיק, ווי זיין בלוי אויף דיין צעשטראַלט געזיכט
האָט ער זיך באַוויזן מיט אַזויפיל געוועזענעם,
צעלויכטן דיין בליק מיט אַזויפיל געזעגענעם —
און דיין בליק איז פאַרבליבן.

גאָלדענע אַפּריקאַזן

דער טאָג דרימלט אויף רויטע, קופּערנע בלעטער,
פון ווינט איז בלויז אַ שטילער שאָרך פאַראַן,
די גאָלדענע אַפּריקאַזן נידערן אַראָפּ די קעפּ
און די צווייגן העפטן דינע שאָטנס איבער גראָז.

דער הימל שטייט אַ ווייטער, הויך און ווייס,
די אַפּריקאַזן ווערן פולער, פלאַמיקער אין בלאַנדן טאָג,
די לופט ווערט לויטערער, די שטילקייט וואַכער,
ווען דער טאָג אין יוסטער זעט געגנענט צום ראַנד.

דער צוויטשער פון די צווייגן הערט זיך ווי פון ווייט,
דער טאָג זשאַרט זיך אויס אין גאָלדענעם שטויב
פון אויסגעברענטער זון, און דער פאַרנאַכט
עפנט זיך רויט אויף העלן גאָלד פון אַפּריקאַז.

דער אָוונט איז צעפליגלט אין פּורפּור און וויאָלעט,
ווען דער הימל בלינקט מיט ערשטן בלויען פונק.
אַלע ביימער קומען מיט די שאָטנס זיך צוזאַם
און לעשן אויס דאָס לעצטע גאָלד פון אַפּריקאַז.

די רויז

סטאַדעס ווייסע שאָף דרימלען אויף שטילן הימל,
אַ ווייסע שטילקייט הויערט אויף פעלד און בייט
און שלעפערט איין דעם שאָטן פון רינד און פי,
דער טאָג פון צופיל זון שטייט אָן אָטעם שטיל.

דער שייער מיט אָפענער טיר שטיקט זיך
אין הויפנדיקער זעט פון אײַנגעזאַמלטער שפע,
די שטיבן מיט אַראָפּגעלאָזטע דאַשיקעס,
ציען אַריין דעם שאָטן אין הילצערנע ווענט.

ביימער שלאָפן מיט שווער געלאָדענע בלעטער,
היגלען היי ליגן מיט זאַטקייט אײַנגעדרימלט
און אויף בלאַנקער שאַרף פון הייסער קאָסע
שניידט זיך איבער די זון.

אַ חלום גייט אויף איבער שטילן גרין פון לאַן,
די בין מיט פונקען זון אויף גאָלדענע פליגל
שוועבט אום מיט זשום פון בלום צו בלום —
און אין מיט פון טאָג און זון שטאַרבט די רויז.

דער טאָג

דער טאָג לאָזט זיך אויס,
פֿאַרנאַכט טרעפֿט זיך אָן מיט מיר
אין שפּרייז פֿון שאַרכנדיקן ווינט
און צערווישט זיך מיט פֿאַרכט איבער מיר.

דער הימל הייבט זיך אויף
און ציט מיך מיט —
איך בלייב הענגען אין מיטן וועלט
אָפּגעבונדן פֿון טאָגיקע טריט.

כ׳וועל געטראָגן אויף שפּאַן פֿון ווינט
און דערזע זיך אין אומעטום,
דער הימל ווערט מיר צו נאָנט —
איך הער די וועלט ווערט שטום.

דער ערשטער שטערן צינדט זיך אָן —
איך ברען מיט,
דער ערשטער שטערן פֿאַלט אַראָפּ —
איך פֿאַל מיט.

אַלע ווייטן זענען מיר אַצינד נאָנט,
כ׳בין אין אַלץ מיט וואָס דער טאָג
איז אַוועק, כ׳בין פֿאַרשאָטנט אין געוואָרענעם בלאָ
און בלויז די נאַכט קוקט מיך אָן.

אויף יענער זייט נאַכט

לינדע ווינטן אָטעמען איבער אָפענע קנאָספּן,
פוןביימער־שפּיצן ציען שאָטנס זיך אַראָפּ
און דעקן זיך אויס איבער גאַנצן גרין —
נאָר ביז איך דערזע דאָס אַלץ,
איז דער אָוונט שוין פאַראַן.

מילדער בלאָ און ווייכער פורפור מישן זיך
אַריין אין שאַרפן אָראַנזש און דיקן מאַראַנט,
איך שלאָג זיך אָפּ אין אַלע געוואָרענע פאַרבן —
נאָר ביז איך דערזע דאָס אַלץ,
איז די נאַכט שוין פאַראַן.

דאָס ליכט, וואָס קומט מיר איצט אַנטקעגן
שיינט צוריק אַלע אויסגעמישטע פאַרבן —
וויל איך בלויז מיט אַ בליק אַצינד דערזען,
וואָס אַריבער דער נאַכט איז פאַראַן,
האָט אַן אַנדערער זיך פון מיר אַרויסגעשאָטנט
און אַלע פאַרבן, וואָס איך האָב דערזען
זענען שוין אויף יענער זייט נאַכט פאַראַן.

אַ האַרבסט־טאָג אין די אַדיראָנדעקס

דאָס פענצטער פון דיין צימער איז ברייט און אָפן,
דיין אויג ברייטער, אָפענער און ווייטער.
דו זעסט דעם דינעם גאָלד, דעם רייכן קופער,
וואָס לאָזט זיך פון די ביימער אַראָפּ.

אַז דו זעסט דעם האַרבסט
אונטער זון, אונטער רויט, אונטער קופער,
קאָנסטו נאָך דערזען אַ רעשטל זומער
הענגען אויף דינעם לילאַ פון די בערג,
וואָס שאָטנט זיך דיינע וואַכע אויגן פאַרביי.

אינעם רייכן גאָלד, אינעם ווייכן רויט,
קאָנסטו אויך זיך דערזען.
אויך דו ביסט רויט, מאַראַנט און גאָלד,
ביסט אַליין דיין אייגענער מאָלער —
ווען דו שפּירסט דעם דינעם פאַרכט
איבער ליידיקן פעלד אין האַרבסטיקן פאַרנאַכט.

אויך היינט איז האַרבסט,
אויך היינט איז דער טאָג
מיט גאָלד, מיט ברוין, מיט רויט צעלויכטן,
די גאָלדן־געלע בלעטער,
וואָס דער בוים צעטיילט אַרום זיך
פאַרבן זיך נאָך ברוינער, נאָך רויטער
פאַר דיינע אויגן, וואָס זעען אַריבער דעם האַרבסט.

מאַך אויף די טיר.
שפּאַן אַריבער די שוועל,
גיי אַריין אינעם געוואָרענעם בלאָ.
דער שאָרש פֿאַר דיינע טריט
זאָגט נאָך גאָרנישט אָן,
דער ווינט צעפּעכערט דעם בוים
און רופֿט אַרויס אַ געזאַנג אין דיר
מיט וואָס דו ביסט אַצינד רייף און פֿול.

אויך דער האַרבסט האָט בלאָ,
אויך דער האַרבסט האָט לילא און גרין.
די בערג, וואָס שאָטענען זיך פֿאַר דיר
און רויכערן זיך אויס אין דינע וואַלקנס
זענען שוין אַריין אין שטוין פֿון דיינע אויגן.
די שטילקייט, וואָס רעדט אַצינד אַלע שפּראַכן מיטאַמאָל,
רעדט איצט בלויז צו דיר אַליין.
ביסט מיט דעם האַרבסט זאַלבענאַנד,
דו ביסט דאָ — איז דער האַרבסט פֿאַראַן.
דיין אַליינזאַם איז אַצינד אַ סך —
דיין געהער נאָך מיינער —
מיט דיר איז דאָס גאַנצע גאָלד, דער רייכער קופּער
און צאַפּלדיקער רויט פֿון רייפֿן, רייכן האַרבסט.

פרילינג־ליד

ס׳איז דער פרילינג שוין געקומען —
זאָגט אָן דער אָפּגעשיילטער קאַלענדאַר,
דער חלום גרייכט ווייטער פון געוואָרענעם טאָג
און די בשורה ווערט אַנגעזאָגט פון אַ נאַר.

אויך דער פרילינג איז אַן אויסגעטראַכטער זמן,
דער אַטאָם־ווינט טרייסלט מיין איידל ביסל דרויב,
זיין גרויל ווערט ווייסער אויף דער שרעק פון מיינע האָר
און צעבלאָזט מיין געביין אין דינעם מדבר־שטויב.

אויך אין פרילינג איז מיר אַלצאיינס,
צי ס׳גרינט דער בוים, צי ס׳וואַקסט דאָס גראָז,
צי דער הימל איז אָפּענער אין רייפן זומער —
סיי ווי שיטערט דער ווינט דאָס בלוט אין מיינע פינגער.

און אַז איך שפּאַן מיט בלויען העמד צעעפנט
און טראָפּנס שוויס צעראָסען זיך אויף מיין שטערן,
קאָן נאָך אַלץ די זון מיך נישט דערוואַרעמען
און דער שאָטן פון גרינעם בלאַט נישט שירעמען.

דער פרילינג ווערט די בשורה פון אַ נאַר,
וואָס זעט נישט ווייטער פון אַנגעקומענעם זמן,
נאַר דער, וואָס האָט דערשפּירט דעם חסד פונם האַר,
גייט מיט שמייכל אַריין אין שטענדיקן פאַראַן.

אין וואַלד

ס׳איז נאָך צו פרי, דער באַגין הענגט נאָך מיט
שטילן ציטער אויפן ווערנדיקן בלוי פון הימל —
ביז דו וועסט גרויסן טאָג אויף זיך ניִשט דערזען,
קאָנסטו נאָך דערווייל פון וואַלד נישט אַרויסקומען.

אין וואַלד איז די נאַכט לענגער, קיין אַנדער וועג איז
היינט נישטאָ. וואַלט זיך איצט אַן אַנדער שליאַד געזען
וואָלסטו אַלצאיינס אים נישט באַטראַכטן, האָסט לאַנג געזוכט
מיט איצטיקן וועג אויף ווינטס באַראַט זיך אַוועקצולאָזן.

ווי אַזוי דו האָסט זיך דערפירט אַהער האָט קיין זין
נישט צו פרעגן. סיי ווי איז קיין ענטפער נישט פאַראַן.
הער אויף זיך פאַרשטאַמלען אין די אייגענע טריט —
קאָנסט נישט פאַרמיידן די נאַכט אין וואַלד דורכצוגיין.

דער הימל ווערט העלער, דער מאָרגן עפנט זיך אויף,
צייכן אָפּ נאָך אַ שפּאַן, דער טאָג וועט דיר נענטער ווערן,
האָסט זיך פאַרשאָטנט אין ווילדן געוועב פון געבוים —
דו פאַרשטעלסט דאָס ליכט פאַר דיינע צעשראָקענע אויגן.

האַב נישט מורא. דער וואַלד איז גאָרנישט אַזוי נאָנט
מיט דיר, דו זאַלסט קאָנען אין אים פאַרלוירן גיין.
יעדער בוים איז איצט איבערן קאָפּ פאַרנומען, די זון
אויף זיך אָנצוטאָן — נאָך־אַ־טאָג זומער איינצוהאַלטן.

דורך יעדן צווייַג און קוסט שאַרט זיך דורך אַ זון —
אַ שטערן די גרייס, דער וואַלד ווייסט, אַז מיט דיר
גרייכט יעדער בוים העכער פון אים, קרימט ער איבער
דיינע טריט, ער זאָל זיך אַליין קאָנען פון דער נאָנט דערהערן.

קער זיך נישט אום, קוקן אויף צוריק איז דיר פאַרווערט,
אַרום דיר איז דער טאָג דעם דרויסן אַריבערגעלאָפן —
קאָנסט איצט דעם גאַנצן טאָג אויף זיך דערזען —
אַצינד, ביזטו אַלץ.

באַלד

מאַך אויף די טיר, לאָז אַריין דעם ווינט,
דעם פּחד, וואָס קוקט אַצינד אַרויס
פונעם שטוין אין דיינע בלויע אויגן,
וועט באַלד די נאַכט אין זיך אַריינעמען
מיט די ערשטע, רוישיקע טריט פון ווינט.

דער רוף פון דיינע ליכטיק־געוואָרענע פינגער
דערגייט צו מיר מיט לעצטן, קלאָרן צייכן.
וואַרט, באַלד וועט אויך דער הימל מאַכן נאַכט
און אַראָפּפאַלן אויף אונדז מיט געלן נעפּל,
וואָס דער לעצטער דזשעט האָט נישט געקאָנט צעררייסן.

דיינע אויגן שענקען מיר אַ לעצטן פּערל,
דיינע צוקנדיקע ליפּן ווערן דינער, ווייסער,
איבער דיין צאַפּלדיק מויל הענגט אַ שטאָמל,
וואָס בלויז דער ווינט וועט האָבן אויפגעהיט
פאַר אַ סימן, אַז מיר זענען דאָ געווען.

און אַז דער מאָרגן וועט זיך אַמאָל
אַרויסהויבן איבער מיר און דיר,
און די זון וועט ווידער אַמאָל אַ בליק טאָן
איבערן בלויז, וואָס מיר האָבן דאָ געלאָזט,
וועלן מיר לאַנג שוין זיך האָבן צעפינקלט

אין די פערלדיקע טויען, וואָס קומען אַרויס
אפילו אויף טרוקענעם, ווייסן זאַמד.
דער ווינט וועט אונדז נעמען אויף זיך,
צעטראָגן אונדזער צעשטויבטן געווען
איבער אַלע אַטאָמיש אויסגעוואָרענע עקן.

דער ווינט וועט אונדזערע נישט דערזאָגטע ווערטער
אַריינאָטעמען, זיי צעבלאָזן אין גאַרער לופט,
וואָס דער ים וועט פון זיינע טיפן אַרויסהייבן —
נאָר דער ים וועט אונדז אַריבערבלייבן,
אין זיינע טויען וועלן מיר ווידער זיך צעשימערן.

מאַך אויף די טיר,
לאָז אַריין דעם ווינט,
זאָל ער נעמען אונדזער באַשערטקייט מיט זיך,
אַלע פחדים, וואָס קוקן אַצינד אַראָפּ פון אונדז
גייען שוין אַריין אין דער אייביקייט פון ווינט.

מיט־זומער

האַר,
דער זומער איז לאַנג שוין דאָ,
די גערטנער שטרעקן גאָלדן־רייפע טרויבן,
די פעלדער שיקן גערן פולע זאַנגען צום קילן שייער —
שוין צייט פאַר שניטער פון דיין שפּע צו געניסן.

בענטש מיינע הענט,
נעם אויף מיט גענאָד
די מי פון מיינע פינגער
און שיק מיך אַרויס מיט דיין ערשטן זאָג:
זאָל זיין.

שיק האַרבסטן און פרילינגס,
ווינטיקע פרעסט און צעלאָזענע רעגנס,
צעבייט די זמנים ווי דו באַגערסט,
נאָר לאָז מיר דעם חלום
פון די ערשטע צוואַנציק יאָר,
ווען זיי לאָזן זיך אַרויס אײַננעמען די וועלט.

מיינע טעג זענען הויכע און רייפע
און די וועלט איז נאָך אַלץ גרויס.

אויג אויף אויג

מיין טאָכטער

בלייב מיט מיר —
מיט אַלע נעכטנס הינטער אונדז.
יינגער זיך אַריין אין מיר —
מיט אַלע מאָרגנס פאַר אונדז.

לאָד מיך נישט, פאַרמשפּט נישט מיינע טעג.
מיט מיר איז חסד געטאָן געוואָרן
צו זיין די בריק פאַר דיינע טריט,
איבער מיר זאָלסטו אַריבערגיין
צו מיין אויסגעחלומטער וואָר,
וואָס יידישט אין מיר
נאָך איידער איך אַליין
האָב דעם ערשטן טראָט צו זיך געשטעלט.

פאַרנעם מיין לשון,
ווי איך פאַרשטיי דיין שפּראַך.
דערשפּיר די ליבשאַפט פון וואָרט,
וואָס איז אַצינד גורלדיק צו דיר געווענדט.

פאַרוואָר, איך שטיי מיט דיר אויף שייד־וועג
פון סומנע טעג.
יעדער וועג וויל אונדז דערפירן צום דאָרט
וואו די זון לאָזט זיך אַראָפּ.

טייל זיך נישט אָפּ פון מיר.
אויף וועלכן וועג זאָלסט זיך נישט פאַרנעמען
בין איך די בריק פאַר דיינע אַוועקגעלאָפענע טריט.

מיינע טעג

מיינע טעג מיט אַזויפיל האָפן אויסגעציטערט
זענען שוין דאָ —
זיי קוקן מיט גרויל פון מיינע אויגן אַרויס.

די וועלט איז אַזוי קליין געוואָרן,
אַיעדן איז ענג —
נאָר איך קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן.

דער שטורעם און דראַנג פון שווינדלדיקע דזשעטן,
וויכערן און טרייסלען
דאָס ציטעריקע דרויב הינטער מיין דינער הויט.

דער פחד פון יאָנען און אַטאָמען איז געפאַלן אויף מיר,
דער מאָרגן איז אָפּגעשטעלט —
גאָט, גיב מיר כּוח פאַר דיר תהילים צו זאָגן.

אויג אויף אויג

דער געוויינטלעך פֿון מיינע טעג
האָט זיך צעליאַרעמט איבער מיר
און איך בין פֿאַרטויבט געוואָרן.

כ׳בין אויג אויף אויג מיט דער שויב,
אַ לאַנגער אָוונט הענגט פֿאַרנע־שווער —
איך קוק אין אַ גרויסן בלויז אַריין.

אַלע קאָלירן האָבן זיך אויסגעמישט,
אַלע געזיכטער זענען איין געשטאַלט,
אַלע טריט גייען אָפּ אַן ווידערקלאַנג.

די שויב, ווי זי וואָלט אַ שפּיגל געוואָרן
דעקט מיך אָפּ מיט יעדן קער פֿון מיין בליק —
איך בין זיך אַליין אַזוי נאָנט געוואָרן,

כ׳האָב דאָס מויל נאָך אָטעם אַרויסגעשטעלט.
פֿון דרויסן־זייט, די שויב, שלאָגט צוריק
מיין געזיכט מיט אַן אויסגעקרימט מויל.

מיינע ליפּן קרימען זיך אין דינעם ציטער
און דאָס וואָרט, וואָס איך גאָר אַצינד צו זאָגן
איז פֿון מיין זכרון אַרויסגעפֿאַלן.

דער רויך פֿון פֿאַרריסענע קוימענס
האָט אויף דער שויב אַראָפּגענידערט
און שטאָק נאַכט איז אויף מיר געפֿאַלן.

דער לעצטער וואונדער

די ערד — האָט די העכסטע חכמה אַנטפּלעקט,
איז בלויז דער קלענסטער פּלאַנעט.
דער קלאָרסטער ציפער האָט ביז מינדסטן אַטאָם
דערעכנט איר שטאָם און באַשטאַנד
און צעגרוילט דעם לעצטן וואונדער
איבער מיר און דיר.

דו און איך —
דאָס ברויט און זאַלץ פון דער ערד,
דרייען זיך בלויז מיט אין ליידיקן קרייז
פון נול געכפּלט אויף נול פון אַטאָם.

שטיי נישט מיט אַנגסט צעפּראַלטע אויגן,
ווי דו וואָלסט פון העכסטן באַרג־שפּיץ אַראָפּגעקוקט.
קער אָפּ דיין געשטאַלט פון דער בלענדיקער זון,
זי וועט נאָך מיט אַ לעצטער שיין האָפענונג
דיין אויסגעפּרואווטן בליק פאַרבלינדן.
דער תהום פון אַטאָם איז מיט לויטער צעעפנט
און דער לעצטער וואונדער האָט אונדז געטראָפן.

טו אָן דאָס שפּאָגל ווייסע העמד,
פֿאַרקעם די האָר מיט נעטן שרונט,
הויב אויף דעם קאָפּ, גיי מיט גלייכן טראָט —
גיי מיט ווירדע אַנטקעגן אים,
וואָס וואַרט אויף דיר באָם לעצטן בלענד
פֿון דער אַראָפּגעפֿאַלענער זון,
עפֿן אויף דיינע ליפּן פּאָר שטילער תּפֿילה
און זאָג מיט לעצטן ציטער אַרויס:
איך בין גרייט, מיין האַר.

אין געדרענג

אַזויפיל מענטשן אויף די פאַרנאַכטיקע גאַסן,
ווי אַ געדיכטער וואַלד מיט אָפּגעדעקטע ביימער
וואַלט פון זיין ענגשאַפט זיך אַרויסגעריסן
און אין מיטן רעש פון שטאָט זיך צעוואַקסן.

ס׳גייען פנימער מיר פאַרביי מיט אויגן,
וואָס קוקן בלויז. אין אַלעמענס געזיכט
שפּאַר איך מיין זוכנדיקן בליק אַריין
און קאָן זיך אין קיינעם נישט דערזען.

כ׳רייס זיך פון אויסגעמישטער ענגשאַפט אַנטרינען
מיין דריבנעם שאָטן באַזונדער צו דערקאָנען
און ווער פאַרלוירן אין דערדריקטער נאָנטשאַפט,
ווי אַ פאָדים אין לאַנגער נאָט פון געוואַנט.

די נאַכט קומט אָן מיט שטאָטישן געאַייל
און פאַלט אויף מיר מיט אַלעמענס שאָטן,
איך ווער אויס אין אַזויפיל אַ סך —
כ׳ווער בלויז צוזאַמענדיקער גערויש.

בלויז דער טעמפּער קלאַנג פון פאַרמישטע טריט
דערטרינקט זיך אין מיין לעצטן געהער,
ווי דער טייך דערטרינקט זיך אינעם שווימער,
ווען ער גרייכט דעם שווימערס מויל אַריבער.

אין שפּיגל

נאָך האַלבער נאַכט —
די שעהן ווערן שטילער, דינער,
די שויבן — בלויער, טיפער,
און מיינע אויגן — אָפענער, שאַרפער.

דער לאָמפּ באַ מיין צוקאָפּנס
ווערט ליכטיקער אין די שויבן,
זיי שפּיגלען מיך צוריק פון געלעגער —
איך דערזע זיך אין אייגענער אָפּשיין.

איך דערזע —
איך בין צוויי;
אַ שאָטן — און אַ הויפּן חומר.

פון שפּיגל קוקן צוויי אויגן אויף מיר,
איך ווער פּחד און שטוין, אימה און פּאַרכט,
איך דערזע זיך אין שאָטן,
איך דערקאָן זיך אין הויפּן חומר
און בלייב אַ פרעמדער איןביידן.

דער ווייסער סופיט איבער מיר,
דאָס ליילעך אונטער מיר,
מערט אַ פּאַרכטיקע העלקייט אַרום מיר,
איך הער זיך פרעגן:
ווער בין איך אין אַזאַ דינער צעטיילטקייט?
וואָס בין איך אין אַזאַ צעהעלטן געלויטער?

די אויגן אין שויביקן שפּיגל
נעמען ווינקען צו מיר,
איך דערשפּיר דעם וואונק,
אַלץ ווערט מיטאַמאָל רויט אַרום מיר,
די אויגן שימערן און רופן —
איך גיי זיי נאָך,

איך גיי דורך דער שויב,
פון יענער זייט שויב —
בין איך דעם שפּיגל אויך שוין דורך,

איך דערזע —
איך בין דורכזיכטיק,
איך בין ליכט.

נאָוועמבער אין פּאַרק

א

אַז דו וועסט קומען צו איר,
וועט זי שוין מער נישט שטיין
אויף דער שוועל דיר צו גריסן.

איך ווייס נישט צי דו וועסט נאָך
דערבליקן אויף דער וואַנט,
דעם לעצטן שאָטן, וואָס דער לאָמפּ
האָט פֿאַרגעסן אויסצולעשן.

שטיי נישט אין מיטן פֿון איר חדר,
מיט זאָקן־טריט גענען צו רויטער שויב
און שענק אַ לעצטן בליק דעם גליענדיקן מערב,
וואָס די זון אין לעצטן פֿלאָם דערצינדט.

ווער האָט אַזאַ פֿאַרנאַכט אָנגעצונדן ?
ווער האָט אַזאַ פֿאַרביקייט פֿאַרמישט ?
דער ווינט פֿאַרנעמט נישט קיין געדעטע שפּראַך,
די לעצטע ברוינע בלעטער
יאָגן זיך שוין צו די וואָלקנס אַרויף.

קוק נישט צו לאַנג,
פֿאַרזאַם זיך נישט,
דער מערב וועט אין דײַנע אויגן אויסרינען,
פֿרעג נישט דער שכנה וואו זי איז אַוועק —
בלויז דער ווינט איז דאָ געבליבן,
שטיי אים נישט אין וועג.

ב

ווען זוכסטו אַצינד אַליינזאַם אין פּאַרק?

דער זומער איז לאַנג שוין פֿון בוים אַראָפּ
און אין שאָטן פֿון שייער אַיינגעזאַמלט געוואָרן,
דער האַרבסט קעלטערט זיך אַצינד אויף דיין שטערן
און דער ווינט וואַרעמט זיך אָן אין דיין געזיכט.

דער האַרבסטיקער נעפּל הענגט געגליווערט
אויף דיביימער, וואָס ציטערן אין פייכטער קעלט
אויפֿן ברודיקן גרוי פֿון זייערע צעריסענע קאָרעס
און פאַרדעקט די קאַרבן פֿון דיין טראָט הינטער דיר.

די לעצטע ברוינע בלעטער פֿויזען אַרום מאַטע שטאַמען,
פֿון דיינע אויגן טראָפּנט אויס דער געפאַלענער טאָג.
מיט וועלכן שטראָז זאָלסט זיך איצט נישט פאַרנעמען
בלאָנדזשעסטו טיפער אין חשוונדיקן נעפּל אַריין.

דער מוטנער טאָג קריכט אום פאַרלוירן איבער דיר
און פאַרהענגט די שיין פֿון דיינע זוכנדיקע אויגן,
די בענק ווערן פאַרהוילענער, די שטראָזן פאַרבאָרגענער —
קאָנסט נישט דערחלומען די איבערגעריסענע וואָר.

דער ווינטער שליטלט זיך שוין נענטער צו דיר,
באַלד, און דער פראָסט וועט אויף דיין פּנים בלאָ ווערן —
ער וועט אָפּקילן דאָס ביסל וואַרעמקייט און טויב מאַכן
די לעצטע רירעוודיקייט אין דיינע שטייף־געוואָרענע פינגער.

דיין געאײַילטער שפּאַן האָט דאָ קיינעם ניִשט דעריאָגט.
די הויכע טעג מיט איר ביינדשאַפט אויף ווייכן גרין
קאָנסטו נאָר מיט חלום אין די אָפענע אויגן דערלאַנגען
און זיך צוריק געפינען אין לויטערן ים פון איר אויג.

וואָס טוסטו דאָ אַצינד אַן אַליינזאַמער אין פּאַרק?

אַ יולי־טאָג

מיר זענען אַלע דאָרט געשטאַנען,
געהערט דעם פולן טרויער־טאָן
פון יעדן וואָרט אין מעבר יבוק.

מיר זענען אַלע דאָרט געשטאַנען —
איך האָב געזען דעם טויט איבער
גרינעם לאָן אין העלן יולי־טאָג.

מיר זענען אַלע דאָרט געשטאַנען —
די פיס מיט טראַציק פעסטן שטעל
די טריט מיט לעבן צו באַצווינגען.

דער פחד פאַרן טויט האָט מיך נישט באַשאָטנט —
מיין פנים איז געווען צופיל אַראָפּגעפאַלן
און איך האָב פאַרהערט ווער נאָך ווער ווער
האָט שטילערהייט דאָ קדיש אָפּגעזאָגט.

ווען מיר זענען געגאַנגען אויף צוריק
איז אַזויפיל קנאַפּער מיט אונדז געווען —
מיר זענען געגאַנגען צו נאָנט מיט זיך.

„איך האָב אים כמעט נישט געקאָנט",
האָט ווער מיר שטיל איינגעראָמט.
„ניין, איר האָט אים נישט געקאָנט,
ער איז בלויז אַ מענטש געווען".

אַ בליק

מיין אַליינזאַם האָט דיך נישט אויסגעטראַכט.
פֿאַרוואָר, מיין בליק האָט דיינעם אַנגעטראָפֿן,
ווען איך האָב דיך אין טיפֿער ראַם דערזען.

דיינע וואַכע אויגן האָבן מיך אָנגעקוקט,
דיין ווייז־פֿינגער אויף דיינע פֿולע ליפּן
האָט פֿאַרווערט דאָס וואָרט צווישן מיינע ציין.

דאָס נישט דערזאָגטע האָט מיך שטאַר געטראָפֿן,
דיין שאָטן איז איבער מיר גרעסער געוואָרן
און איך בין אַליינער איבערגעבליבן.

איך בין געשטאַנען מיט מיין מויל צעעפֿנט.
מיין פֿאַרכאַפּטער בליק איז דיר נאָכגעלאָפֿן
און איך האָב דיר נישט געקאָנט דערלאַנגען.

ווען איך בין אויפֿן וועג צום דרויסן געווען
האָב איך צוריק דערשפּירט דיין בליק אויף מיר.

די ברכה פון טרויער

ירמיה העשעלעסן

אַזוי אַליין ווי דו ביזט אַצינד —
איז נאָר די נאַכט אין וואַלד.
די נאַכט, וואָס הויבט זיך איצט איבער דיר,
דער דינער טרויער,
וואָס גייט איצט אויף אין דיר,
איז דיין אָפּגעשפּאָרטער לוין —
לעב זיך אַריין, אי אין דער נאַכט,
אי אין דעם טרויער.

די שטילקייט, וואָס שרעקט דיך אַצינד,
נענטערט זיך צו דיר פון בוים,
פון גראָז דעם אויפגעגרינטן,
וואַרט, באַלד וועט די שטילקייט אויך אַריין אין דיר,
די נאַכט וועט זיך אַריבערבייגן איבער דיר,
דער טרויער פון אַלע דרימלענדיקע זאַכן
וועט דיר דורכדרינגען —
און דו וועסט זיין.

די ברכה פון טרויער וועט דיר ביישטיין,
זי וועט פאַר דיר אַ טרייסט זיין,
זי וועט אַראָפּקומען פון ציטער פון דיינע ליפּן,
אַרויסקוקן פון דיינע אויגן די פאַרגאַפּטע
און דו וועסט בענטשן דעם בוים,
וועסט דאַנקען דאָס גראָז
און לויבן דער נאַכט,
וואָס האָט דיך מיט דינעם טרויער צעלויטערט
און דו וועסט זיין.

דער שד

פון האַס און גרים, און צאָרן
איז אַ קאָמוניסט געוואָרן,
פון גרויל און גוואַלד, און פּאַראַט
איז אַ סאָוועט געשטעלט געוואָרן.

דורות נאַכט איז איבער סטעפּ געפאַלן,
פון דער טונדרע איז דער טאַטער אָנגעלאָפן
אַ דול־הויז אויף אַ קאַזעמאַט אַרויפגעבויט —
מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן בלאַנקעט אום דער שטן.

סמערדיאַקאָוו איז אַרויס פון שטאַל,
איוואַן איז אַראָפּ פון זינען —
די ציטעריקע הויט אויף מיין יידיש געביין —
אַ סטאָוו אין צעשפּיליעטן ווינט.

גאָט, סאַראַ שרעק ס׳איז היינט אינדרויסן
אַ מענטשלעך פּנים אַרויסצושטעלן.

אין וואַלד

איינס נאָך איינס פאַלן די בלעטער
און שווימען אַפּ מיט חשוונדיקן רעגן,
ווי אַ וועג איבער לענג פון ים,
וואָס די שיף האָט ערשט דורכגעשניטן,
בלויז די שאָטנס שאַרן זיך איבער שטאַמען
פון אַן אָפן געוואָרענעם וואַלד.

קום, דו לעצטער אַפּשיין מיינער,
לאָמיר זינגען דאָס ליד פון ליידיקן וואַלד
און מיט אָפענע, גלאַנציקע אויגן,
דער נאַכט דורך אויסגעוואָרענע ביימער אַריבערבליקן.

איך בין נישט דער פרינץ,
וואָס יאָגט זיך מיט פולע פאַלעס ווינט
אין לעצטן אויסגעשריי: „זיין, אָדער" —
איך גראָב נישט אויס קיין טויטן שאַרבן
זיך באַ אים צו פרעגן —
ווער באַשטענדיקט מער זיין הויז —
נישט אַזוי קום איך צו דיר,
נישט אַזוי שטעל איך דעם לעצטן פרעג־צייכן.

דער אויסגעגנומענער וואַלד,
וואָס פאַרציט דעם האַרבסטיקן שאָטן איבער אונדז,
קאָן דאָך אויך פאַרצערן דעם שייטער,
וואָס האָט נישט דערברענט אין מיר און דיר.
ס׳איז דאָך פאָרט דאָ אַזאַ געזאַנג,
וואָס דער ווינט צעטראָגט מיט שטילע טריט
דורך פעלדער זאַטע זאַנגען
און זינגט אַרויס פון יעדן פרישן ברויט.
בלייב נאָר שטיל, אַ רגע בלויז,
האָרך זיך נאָר אַריין אין מיר —
מיר ווערן נאָך נישט אויס.

איך באַלייט מיין טאַטן

טויבע מאָרגנס, הויכע הימלען,
מילדעווינטן, לאַנגע טעג,
ביימער אויסגעגרינטע,
זומערס אויסגעלאָפענע,
האָבן מיך פון האַרבסט צו האַרבסט פאַרדינגען.

מיין זיכרון איז נאָך אַ קינד געווען,
נעכטנס האָבן נאָך קיין ציפער נישט געהאַט,
איך האָב פריי אין דרויסן זיך אַרויסגעלאָזט
און פלינק מיט קער פון ווינט זיך צעוואַיוועט.

יעדער זמן האָט גאַרשטן טעג
אויף מיר אַרויפגעלאַדן,
איך האָב דערהערט אויף וואָסער שפּראַך
עס רעדט דער ווינט
בין איך — איך געוואָרן.
מיין זיידע האָט זיין שאָטן מיט זיך מיטגענומען
און איך —
אַ צווייג מיט איינציקן בלאַט
בין געהאַנגען איבער ברייטן ליידיק
פון אַן אויסגעזומערט פעלד.

ווען ס׳לעבט דער זיידע, קאַנסטו —
אַן איינציקער בלאַט אויף דינעם צווייג
גרינג מיט צעלאַזענעם ווינט זיך צעהוידען,
ווען ס׳גייט אַוועק דיין טאַטנס שאָטן,
באַלייטסטו צום ערשטן מאָל אויך זיך.

הינטער דיר גייט שוין קיינער נישט נאָך,
דאָס ליידיקע אָרט ווערט פול מיט ערשטן קדיש,
וואָס דו זאָגסט שוין נאָך זיך אַליין.

ביסט מער נישט פריי,
דיין גאַנג איז געמאָסטן מיט שטרענגער מאָס.
די ערשטע, דינע הימלען, די הויכע מאָרגנס
ווערן בלויז אָטעם פאַר די מילדע ווינטן.
די לינדע טעג —
בלויז אַ שמייכל צום גרויסן קינד,
וואָס גייט שוין אַליין.

זיבן וואַריאַנטן אויף איין טעמע

א

דער טאָג פֿאַלט צו, דיין גאַנץ געלאָף האָט נאָך נישט
דעריאָגט אַ מינדסטן סימן, ווי אַזוי דאָס געלעסטער
פֿון איין צעשריגענעם טאָג איבערצוהיפּן. דער אָוונט
האַלט זיך היינט לאַנג און דעקט צו די שויבן מיט
איטלעכנס געשטאַלט איידער נאָך די לאַדנס פֿאַלן צו.
געליאַרם פֿון שילדן האָט היינט דיין גאַס פֿאַרטויבט,
און דאָס געשפּאָט פֿון פֿעבל גייט דיך איצט אַריבער.

ב

מיט פֿאַרשייטער פֿרייד האָסטו יעדן טרויער פֿאַרלאַכט,
ביז שפּאָט איז דיין אייגענעם בליק פֿאַראויסגעלאָפֿן.
צעלאָזענע ווינטן האָבן די טריט פֿון דיר געטריבן,
ביז דיקער אָוונט־שטויב האָט דיין ראִיה פֿארפּרישעט
און אין פֿאַרעך פֿון ענגן נעפּל דיך איבערגעלאָזט,
האָסט לאַנג אַ בלודנער אונטערוועגנס אַרומגעוואָגלט,
ביז ס׳איז ווידער פֿאַר דיר דער הימל בלאָ געוואָרן.

ג

שטעל זיך אָפּ. כאַפּ דעם אָטעם. וויש אויס דעם שטויב
פון די אויגן. קאָן זיין, וועסט דערקאָנען דעם צייכן
פאַר דיינע טריט. נישט אויף לייכטן שפּאַציר שטרעקט
זיך היינט דער וועג זאָלסט מיט היפּ און האָפּ אויף
אים זיך אַוועקלאָזן. דערמאָן זיך: האָסט איינמאָל דאָס
רעכטע קנעכל שוין אויסגעלענקט, דער ווייטיק קוקט
נאָך אַלץ מיט קילן ציטער פון דיינע אַפּלען אַרויס.

ד

די היינטיקע וואָר האָסטו בלויז אין קאָשמאַר געזען,
ווען שלאָף קערט אויס דעם סדר פון טאָג און נאַכט.
אין ווילדן חלום קאָנסטו זיך אַמאָל הויך צעוויינען
און דיין קול זאָל מיט דער וואָר דעם פּחד אָפּשרייען,
נאָר דיין וואָר לעשט דאָס מענטשעלע אין יעדן אויג,
דער טאָג לאַכט זיין געוויינלעך דיר אין פּנים אַריין,
דער אָוונט ווערט שאַרער אויף דיינע צעשראָקענע האָר.

ה

דער אָוונט ווערט אויס, צו־לאַנג קאָנסטו שוין נישט
וואַקלען זיך צווישן ליכט און שאָטן און דערוואַרטן
מיט פאַרבלאַנדזשעט קול צו דערשטאַמלען: נישט דאָס
האָב איך געמיינט. דער זין און ציל איז דאָך אַזוי
הויך געווען, דער ווענד און קער איז גרויס געווען,
נאָר דער גיר און גלוסט איז נאָך גרעסער געוואָרן.
די נאַכט איילט, ביסט באַלד יענע זייט ליכט אַריבער.

ו

אַנטלויפן וואו דער ווינט האָט אַן עק קאָנסטו היינט
נישט מער. האָסט די וועלט אַזוי נאָנט געברענגט, אַז
דער ווינט קאָן קוים דעם אָטעם אָפּכאַפּן. מיט לעצטן
ליכט פון טאָג אין די אויגן דיין פּנים צום הימל
אויפצוהויבן, פּאַסט היינט גאָרנישט פאַר אַ מאַן פון
דיין שטעל און שטאַנד. דיין קעל האָט נישט מער אַזאַ
קול, און דיין אויג האָט שוין נישט מער אַזאַ בליק.

ז

גיי אַוועק אין וואַלד, קלייב אויף די לעצטע רעשטלעך
פּימסנהאָלץ פון גאָר אַלטע ביימער איבערגעבליבענע.
טעסע אַרום די סענקעס, שייל אָפּ די צעריסענע קאָרע
און שטעל צונויף די געהובלטע לייסטן אין אַ ראַם.
מעסט אַריין דיין בילד, און שיק די ראַם איבער אַלע
וואַסערן אַוועק, אפשר וועט דער הימל דיין געפאַלנקייט
זען און אַ טראָפּן פון זיין לויטער דיר באַוויליקן.

אַ פֿאַרטאָג

כ׳האָב ליב שפּאַצי־רן אין דינע שעהן פֿון פֿאַרטאָג,
זען די ביימער־שפּיצן וועקן דעם ווינט,
ווען דער מאָרגן טיילט זיך אָפּ פֿון נעכטיקן שאָטן
און דער הימל עפֿנט דעם אָנהייב ליכט איבער מיר.

מיין אויג איז וואַך. מיין בליק הייבט אויף די הייך,
אַזויפֿיל הערט אויף אין אָנהייב פֿון ערשטן ליכט,
מיט פֿאַרכטיקן ציטער שטעל איך נעכטיקע טריט —
איך בין אין גייענדיקן גראָ, און אין ווערנדיקן בלאָ.

ווער ס׳וועט איצט זיין טיר צום דרויסן אויפֿמאַכן,
וועט דאָס ליכט פֿון טאָג פֿאַר מיר פֿאַרשטעלן,
ווער ס׳וועט אַצינדערט מיר אַנטקעגן קומען,
וועט די וועלט פֿאַר מיר אַזויפֿיל ענגער מאַכן.

אין דרויסן

כ׳האָב צו לאַנג אין דרויסן זיך פאַרזאַמט,
אַ מאָדנע בענקשאַפט טרייבט מיך איצט אַהיים —
כ׳אַייל זיך פון פרעמדע טריט אויספּלאָנטערן
און אַלץ וואָס כ׳האָב פאַרשפּעטיקט אָנצויאָגן.

אין שטוב אָנטגייט דער ווינט און איך פאַר קעלט,
ערגעץ האָט אַ קנעפּל אַ דרעטל אויסגעלענקט
זענען די שויבן בלוין־און־בלאָ פון פראָסט געוואָרן
און דער טאָג איז הינטערן לאָדן אַנטלאָפן.

ווייל איך צוריק אין דרויסן צום זומער לויפן
קאָן איך די אייגענע טיר נישט אויפמאַכן,
אַ ווייזער האָט איבער אַ זייגער פאַרבלאָנדזשעט
איז די קליאַמקע פון מיין טיר געליימט געוואָרן.

דורכברעכן די טיר שטעלט דאָס לעבן אין קאָן,
צו שפּאַלטן דעם פראָסט מיטן קאָפּ דורך די שויבן,
קאָן קיינעם נישט גרייכן, קיינער הערט מער נישט
דאָס באַזונדערע קול פון איינצלנעם מענטשן.

אַזויפיל יאָרן

כ'האָב אַזויפיל יאָרן אויף דיר אויסגעהאַפּט,
נאָכמער האָב איך אויסגעקוקט געקומענעם טאָג
מיין חלום געוואָרענע וואָר אויף דיר צו דערזען;
זאָלסט מיט פולן ליכט אויף מיר אַ שימער טאָן,
ווי די זון אויף געזיכט פון טייך אין באַגין
און צוזאַמען אין דער וועלט זיך אָנשפּיגלען.

איך האָב קיינמאָל אויף קיין נס נישט געוואַרט,
דאָס האָבן זיידעס מיט הארבן וואָרט פאַרזאָגט.
אין יעדן שפּראָץ פון מאָרגן האָב איך געזען
דעם וואונדער דורך מיין שטענדיק אָפענער טיר,
ווי דו — דער ניי־געבוירענער,
ווערסט גאָר איך — דער ווידער געקומענער.

דער אימפּעט איז מיין באַגער פאַראויס געלאָפן.
דיך צווינגען וואָס פריער זיך פאַר מיר צו ווייזן
האָב איך גאָר דעם וועג מיט שטרויכלען פאַרלייגט.
נישט קיין זינד, נישט קיין שולד זוך איך אַצינד.
איך ווייס נישט פאַרוואָס איך זע איצט קלאָר;
אַזוי האָט דער חשבון געמוזט אונטערגעפירט ווערן.

שווער איז צו האָפֿן, נאָך שווערער איז צו חלומען
אין אַ וועלט, וואָס לויפֿט אַיין. די ענגע נאָנטשאַפֿט
דערדריקט סיי דעם וואונטש, סיי דעם ווילן,
ביז דו ווערסט פֿאַרלוירן אין שטענדיקן פֿאַרנאַכט.
אַ וועלט, וואָס מעסט און ציילט בלויז זיך און זיינס
מוז אין אַנגסט פֿאַרלירן אי דעם וועג, אי דעם ציל.

כ׳האָב געאיילט מיין חלום מיט דיר צו פֿאַרוואָרן,
האָב איך זיך הינטער אַ האָריזאָנט פֿאַרלוירן.
אַצינד, דער אַליינסטער, אין דרויסן אַרויסגעשטעלט,
מיט גענאָד נישט באַשאָנקען, מיט רחמים נישט באַוויליקט,
ווי וועל איך דערהאָפֿן די וואָר פֿון אויסגעוואָרענעם חלום?
ווי וועל איך אין אַטאָם־פֿאַרפֿרישעטער זון דיך דערזען?

די פֿאַלנדיקע פּילקע

מיט ווינט אָנגעבלאָזענע פּלודערן,
אין שרייענדיקע לאַמפּאַסן, איז ער
אין העלן ליכט געמאַכטן טאָג,
אויף זאַמד־געלען דיל, צום לעצטן מאָל,
מיטן פּנים אַרויף געבליבן ליגן.

דער דיק געפּאַרבטער שמייכל אויף זיינע
ברייט צעשפּרייטע, ווייסע ליפּן איז מיט
פרייד און געלעכטער פאַרמישט, אויף
אַלע אָנגעשטעלטע געזיכטער
אַרויפגעשפּרינגען — און פאַרבליבן.

אַריבער די קעפּ, די אויסגעצויגענע
האָבן זיילן ליכט זיך צעשריגן,
פון גיריק אויסגעשטירעטע אויגן
האָבן פייערלעך אַרויסגעשטערנט —
הענט האָבן זיך מיט לויב צעליאַרעמט.

לויב לויפט צו אים פון אַלעמענס געזיכט,
באַפעלט אים פון בלאָנדן שטויב ווידער
אויפצושפּרינגען. נאָר זיין דינער אויער
האָט דערהערט דעם לעצטן טאַק פון האַרץ,
וואָס איז אומגעריכט פאַרשטילט געבליבן.

דאָס ליכט ציט אויס זיינע לאַנגע וויעס,
זיינע אויגן — מיט פאַרכט און וואונדער
ציען זיך אַלץ העכער אַרויף, אַרויף
צו דער פאַלנדיקער פילקע איבערן קאָפּ,
וואָס ער האָט אין לעצטן פלי נישט דערכאַפּט.

דו זאָגסט

אין ענגשאַפט פון טאָג ביסטו צעבראָכן געוואָרן
אונטער לאַסט פון צעיאָגטן, ליאַרעמדיקן שאַכער.
דער הימל האָט אַראָפּגעשריגן מיט רעש און בהלה
און דו ביסט טויב געוואָרן אין גרילץ פון ראָד.

דו זאָגסט צו זיך: ס׳איז נאָך נישט אַזוי שלעכט.
פון פאַרריסטע קוימענס קאָנסטו שוין דערזען
ס׳לעצטע ביסל רויך אין בלינדע וואָלקנס פאַרגיין —
אַז די נאַכט פאַרגינט דיר אַן אָרט פאַר דיין שפּרייז.

די טראָטוּאַרן זענען שוין אַצינד גראַמער געוואָרן.
הערסט גרינג דעם ווידער־קול פון אייגענעם טראָט.
דיין שאָטן ווערט נישט פאַרמישט. פאַרשפּאָרסט פרעמדנס
פרעגנדיקן בליק אַ שטאָך טאָן דיין ציטעריק אויג.

די שטילקייט איז אַצינד צעשטערנט איבער דיר.
ביסט פריי. הערסט די נאָנט פון אייגענעם אָטעם.
נאָר פאַרוואָס קוועלט דיר די פריי געוואָרענע שעה,
ווען דו זעסט נישט קיינעם דיר קומען אַנטקעגן.

אַפֿן דעק

ווען דער לעצטער ים־אָדלער נידערט זײַן פֿלי
צו דער אויפֿגעפּוישטער כוואַליע,
און דער הימל ווערט אַ וואָלקנדיקער דאַך איבער שיף —
שווימט אַוועק דער אָפּגעבלעטערטער קאַלענדאַר,
פֿאַרשוואונדן איז דער שטרענגער ציפֿער פֿון קלוגן זייגער,
וואָס דערמאָנט דיך:
דו האָסט אַ הויז, אַ גאַס מיט האַפּטיקן באָדן אונטער די פֿיס.
אָפּגענאָפּלט הענגסטו אין דרויסן פֿון דער וועלט
וואוהין דו ביסט ס׳ערשטע מאָל אַרײַנגעוואָסערט געוואָרן.
דער אָוונט הימלט זיך אַרויס פֿון אויפֿגעשוימטן בלוי,
דערהערסט אַ ווײַט געזאַנג פֿון כוואַליע מיט כוואַליע,
שוים מיט שוים, און נאַכט מיט נאַכט,
זינגען דאָס ליד פֿון ערשטן ליכט,
ווען די וועלט האָט זיך אַליין ס׳ערשטע מאָל דערזען.
דו ווערסט נאָנט און ווײַט
און אין אַלץ, וואָס ווערט פֿאַר דיר אַנטפּלעקט
זעסטו זיך מיט ערשטן וואונדער אַרײַן.
דער ים רופֿט צוריק דײַן אייגענעם שטורעם,
דערמאָנט דיך אין שטענדיקן סוד,
וואָס דו ביסט פֿאַר זיך אַליין.

דער ים האָט בלויז כח און גבורה —
דו ביסט שטאַרקער, האַפטיקער.
שפּאַנסט איבער דעק מיט סוד און וואונדער,
אַן אָפענער, פון זיך אַליין אַ באַפרייטער,
דערזעסט, פאַרנעמסט אַזויפיל מער
און זינקסט צוריק אין ריזיקן סוד —
פון אַזויפיל מערער.

הימל און ים

מיט פאַרכאַפּטן בליק שטיי איך באַם פאַרענטש אָנגעלענט,
דער האָריזאָנט איז ווייט, דער הימל — דורכזיכטיק בלאָ,
צווישן הימל און ים שטייט דער טאָג אַ הויכער, אַ וואַכער,
אַ שטיל ווינטל שאַרט אָוועק, גלעטיקט אויס די שטופּלען
און דער ים, ווי אונטער גלאָז, ליגט מיטן פּנים אַרויף.
דאָלפינס, פון ים אַרויסגעשפּריצט, שוועבן אין דער הייך,
פון די פליספּעדערן רינט אָפּ די זון אין טראָפּנס ים;
זייערע שוואַרצע רוקנס וואַרפן ערשטע שאָטנס אויפן טאָג;
זיי מאַכן קאָזשלקעס אין דער לופטן, טוקן זיך אונטער
און רייסן זיך באַלד מיט אימפּעט פון דער טיף אַרויס,
ווי זיי וואָלטן ענדער אין דרויסן פון ים געוואָלט זיין.
די זון, אין העל גאָלד אויסגעשטראַלט, צעטיילט דעם ים
אויף העלפט שאָטן, העלפט ליכט — גראַנאַט אינעם שאָטן,
העל גרין אין ליכט. און צווישן ליכט און שאָטן מישן
בלאָ מיט גרין זיך אויס אין לילא, און איך זע קלאָר,
ווי דער ים נעמט זיך אויס און דער הימל הערט אויף.
די פאַרבן שטעלן זיך אַרויס, ווי אויף מייסטערס באַפּעל,
יעדער קאָליר שפּיגלט זיך אָן אין מיינע אָפענע אויגן.
דאָס ליכט איז שטיל. דער הימל נידערט, ציט זיך אויס
אויף פלאַך פון ים און קוקט צו ווייסע וואָלקנס אַרויף.

דער ים שפּאַלט די זון אויף האַלב גאָלד, האַלב בראַנדז,
די פאַרבן ווערן נענטער, כ׳ווער פון שימער פאַרבלינדט.
ווי לאַנג שטיי איך דאָ? דאָ איז קיין צייט נישט פאַראַנען.
דאָ איז קיין וועלט נישטאָ. דאָ איז בלויז אָנהייב פאַראַן,
און יעדער אָנהייב קוקט מיט וואונדער און מיט פאַרכט.
איך בין אַ פרעמדער דאָ, וואָס בליקט פון דרויסן אַריין
און דער וואונדער איז גאַר גרויס, די פאַרכט — צופיל.

זי גייט מיר אַנטקעגן

זי גייט מיר אַנטקעגן, כ׳ווייס נישט פון וואַנען
און נענטערט זיך צו מיר מיט ספּריטנעס גאַנג.
איר בליק מיט מיינעם קומען זיך צוזאַמען,
איך ווער פאַרבלינדט פון די שפּריצלעך זון,
וואָס קוועלן פון אירע בלויע אויגן אַרויס.

אירע דרייסטע, דראַבנע טריט איבערן דעק
קומען יעדן אין דער פרי מיט אַנדערן טאַקט.
זי שפּאַצירט אויף דער שיף רונד און אַרום
מיט זון אין אירע בלאָנד־צעלאָזטע האָר,
גלייך דער טאָג וואָלט נאָר פאַר איר זיך געשטעלט.

דער מאָרגן שמייכלט שטיפעריש אויף אירע רויטע ליפּן,
זי קוקט אויף מיר מיט אָנהייב טאָג אויף איר געזיכט,
מיט יעדן בליק ווערט זי צופיל מער פון מיר —
זי זעט נישט דעם לויטערן בליק אין מיינע אויגן,
וואָס זעען די זון גייט שוין אונטער.

שטילע, ווייכע טריט

מיר האָבן די שאָטנס ערגעץ וואו פאַרלוירן,
גייען מיר דאָ אַרום מיט שטילע, ווייכע טריט.
מיר גריסן זיך יעדן מאָרגן, ווי אַלטע פריינט
און רעדן אויף שטום־לשון, ווי דורך גלאָז.

אָפּן שיף איז די ערד האַפּטיקער, שטענדיקער.

אירע שמאָלע הענטלעך ווערן אין מיינע פאַרפאַלן,
אַ דינע קילקייט שלאָגט פון אירע קורצע פינגער,
מיר היפּן פון טרעפּ אויף טרעפּ אַראָפּ, אַרויף
מיט הייב און פאַל פון ים אונטער די טריט.

אָפּן שיף איז די ערד האַפּטיקער, שטענדיקער.

זי ווערט פאַרפאַלן יעדן פאַרנאַכט מיט רייץ
אין אירע שטיפעריש צעשמייכלטע אָפּלען.
איך שיק איר נאָך אַ לעצטן רעשטל טאָג
און קיינער דערקענט נישט די אייגענע פרעמד.

אָפּן שיף איז די ערד האַפּטיקער, שטענדיקער.

דער באַנקעט

מיר זיצן אַרום רונדע, געדעקטע טישן,
דאָס געשיר לויט נייסטער מאָדע צעלייגט
פעכלט פון די ציכטיקע טישטעכער אַראָפּ.
פון די קאַרפינקעס וויין פול מיט אויג
פינקלען די אָנגעצונדענע ליכט אַרויס
אין זילבערנע לייכטער אַריינגעשטעלט.

דאָס ליכט פון זשיראַנדעס אויפן סופיט,
פון די העסעס אויף די ווענט, מישט זיך
מיטן ליכט פון די אויסגעשטעלטע טישן
און מעקט אָפּ די שאָטנס פון די געזיכטער.
מיר זעען נישט אונדזער אָפּגעדעקטקייט,
און שפירן נישט די פרעמדע הויטן אויף זיך.

דער געקווייַלטער טאָן פון אַ פידל בלאָנדזשעט
פון טיש צו טיש, דעם שפּילער איז פאַרן אויג
נישט אָנצוזען, ווער ווערט דאָ היינט געערט?
ווּעמענס נאָמען ווערט אַצינדערט געגרויסט?
נאָר דער שום און רויש פון באַרוועסע ווערטער
אין לאַנג אָפּגעטראָגענע רייד שליאָנדערט אַרום,
ווי דער ווינט איבער די געבליבענע פּיענעס
פון אַ געדיכט אויסגעהאַקטן וואַלד.

דער מאַסקאַראַד

דאָס רײַכע מאָלצײַט, וואָס מ׳האָט אונדז דערלאַנגט,
דער לויטערער ווײַן, וואָס האָט אונדז דערקוויקט,
האָט זיך ערשט דאָ נישט לאַנג צוריק געענדיקט
צום גוסט און טעם פֿון יעדן אײנעם באַזונדער.

די סאַרווערס רוקן געשיקט די טישן פֿאַנאַנדער,
פֿאַרשטעקן זײ אין די שאָטנס פֿון די ווינקלען.
די שטולן מיט די פֿיס אַרויף, ווי די פֿאַרזאַמלטע
וואָלטן געשפּאַנטע אויף די הענט דאָ געשטאַנען
און געוואַרט דער מאַסקאַראַד זאָל זיך אָנהײבן.

דינערס אין נעטע זשאַקעטן שטעלן אויס גענוי
אין האַלב ראָד די געשטעלן פֿאַר דער קאַפּעליע,
וואָס טענצלט לײַכט אַרײַן מיטן פֿידלער פֿאַראויס.
ער שטעלט דעם טאָן, די וויאָלאַ כאַפּט באַלד אויף
דעם אָנגעשלאָגענעם מאָטיוו, און די פּיאַנאָ טופּעט
צו מיט די פֿינגער צום ריטם פֿון בײדן גלײַך.

פּאָרלעך אין זײערע מאַסקעס פּאַרטאָן שוועבן אַרײַן.
דער טאַנץ ווערט מערער, דער מאַסקאַראַד — גרעסער.
די שאָטנס אין האַלב באַלויכטענעם זאָל קלעטערן
פֿון די ווינקלען אַרויס, שפּעטן נאָך די מינעס
פֿון די פּאָרלעך פֿאַרפּלאָנטערט אײנער אין צווײטן,
ווי זײ וואָלטן אין געדרענג געזוכט צו דערקאָנען,
ווער ס׳האָט וועמעס מאַסקע אויף זיך אַרויפֿגעצויגן.

די טויב

דער באַפּעלטער ווינט האָט די שלאַקסן פּאַרטריבן
און דער געבאַטענער רעגן האָט אויפגעהערט.
די איבערגעלאָפּענע וואַסערן זענען אין זייערע
ברעגן איינגעזאַמלט און ציטערן פֿאַר שטרענגער
וואַך פֿון ווינט. די ערד האָט פֿון איר געפּאַלנקייט
זיך אויפגעהויבן. אַ פּאַרכטיקע שטילקייט לויערט
אומעטום. פֿון לערן דרויסן קומט אַריין די וועלט.

די זון עלטערט דעם טאָג. די וועלט הייבט זיך אָן.
נח שטעלט ערשטן טראָט אויף אויפגעריכטער ערד.
זיין געניטע האַנט, וואָס האָט מיט זיכערע פֿינגער
די קראָ אין דעם ליידיקן דרויסן אַרויסגעשיקט,
איז אַצינדערט געפּרוּאווטער צום הימל געשטרייקט:
די טויב, וואָס האָט מיט איילבירט־בלאַט אין שויב
אָנגעקלאַפּט, איז שוין צוריק מער נישט געקומען.

ס׳איז פֿרילינג. די וועלט איז אָפֿן. און ער, נח —
אין מיטן פֿון אַלץ, וואָס קומט און ווערט, שלאָגט
אָפּ די פּאַרכט און פֿרייד פֿון באַשאַף. זיין גלייכער
שטעל, זיין אויפגעהויבענער קאָפּ, ציט אַרויף זיין
שטאַלטנע הייך נאָך העכער. פֿון זיינע אָפֿענע אויגן
קוקן דערהויבענע בליקן אַרויף צום רעגנבויגן,
וואָס שטראַלט אויס די וואָר פֿון באַשעפֿערס צוזאָג.

דער טאָג שטייט אַ הויכער, דער אַנטרונענער באַשאַף
קומט אַרויס. נח׳ס געזינד שטאַמלט אין די ערשטע
טריט אויף ערשט געוואָרענע ערד. איטלעך מין גייט
ווידער פֿאַרווייז לויט זיין געוואוינטן וועג. בלויז —
די טויב, וואָס איז אַליינזאַם געבליבן טריטלט אום
אין שלאַק מיט געמורמל, זי מאַנט צוריק איר פּאָר,
דער באַשאַף זאָל די וועלט מיט איר מין דערגאַנצן.

נח׳ס אויגן ווערן מיט שולד און פֿאַרכט פֿאַרלאָפֿן.
זי ווערט זיך קעגן זיין האַנט, איר מורמל פֿאַרגייט
אין אַ געוויין, ווען ער קריגט זי אַרויס פֿון שלאַק.
נאָר דער צערטל־ציטער פֿון זיינע פֿינגער קאָן נישט
איינגעמען דעם אַנגסטיקן פֿלאַטער פֿון אירע פֿליגל,
לאָזט ער זי אַרויס פֿון די הענט און דער אימפּעט
פֿון איר פֿלי יאָגט אָן אַ שוידער אויף זיינע האָר.

זי קרייזט אַרום איר האַסטיק אויפֿגעהויבענער הייך
און זוכט אום אין דער לופֿט אַ שפּור צו איר פּאָר.
דער אַרויף־אַראָפּ פֿון אירע פֿליגל רודערט די לופֿט,
וועקט דעם ווינט. דער ווינט ווערט וואַכער און טראָגט
מיט זיך דעם ריח פֿון אַיילבירט־בלאַט העכער אַרויף,
און די טויב מיט לעצטן רעשטל זון אויף די פֿליגל
איילט אַוועק, איר אַנגעוואוירענער ביידנשאַפֿט צו געפֿינען.

דער פישער מיט דער זון

כ׳וועל דיר דערציילן דעם טאָג פון ים:
ס׳איז דיין טאַטע אַ פישער געוואָרן,
אויף בלאָער ווייט פון ים זיך אַוועקגעשיפט
צו פאַנגען די זון, וואָס קוקט אין יונגן מאַי
פון אַ גאָלדענעם האָריזאָנט אַרויס.

דער פישער האָט מיט זיין לאַנגן זכרון,
מיט חכמה פון שטערן און פינקטלעכן וויסן
די מאַסטן מיט שטאַרקע זעגלען באַקליידט,
אַז דער ווינט — מיטן ים אַ לייבלעכער ברודער,
זאָל די זון פון הימל נישט אויסבלאָזן.

דער טאָג האָט מיט אָנהייב פרילינג־ליכט
זיך אויפגעעפנט. דער פישער האָט זיין שיף
איבערן ים פריי געלאָזט צו פאַנגען די זון
אין אַ נעץ, אַ געפאַנג, וואָס דער הימל הענגט,
ווי אַ שפיגל אַרויס, מען זאָל די וועלט דערזען.

נאָר אויפן ים איז קיין וועלט נישט פאַראַנען,
איז דער פישער דעם גאַנצן טאָג אַרומגעפאָרן,
די אויגן מיט לויער פון פאַנגער אויסגעקוקט.
און וואו ער זאָל זיך נישט קערן און ווענדן
איז די זון הינטער אים גאָר געבליבן.

דער טאָג איז אַלט געוואָרן. אָוונט איז געקומען.
אַ וואָלקן פון דורכזיכטיקסטן געוועב
האָט די זון אויף דער העלפט צעשפּאָלטן.
מיליאַסן שטערן האָבן דעם פאַרנאַכט צעפינקלט
און דער פישער איז מיט אָוונט געפאַנגען געוואָרן.

מיט כיטרן גיר פון פאַנגער צילט ער אַצינד
די גרעסערע העלפט פון דער זון צו פאַנגען,
נאָר דער ים האָט זיך איבער זיך אויפגעהויבן,
די זון מיטן גאַנצן שימער צו זיך אַראָפּגעצויגן
און זיך צעלאַכט ביז העט, העט אין דער נאַכט אַריין.

שלאָפֿגעטראַנק

אַלץ וואָס מיין אויג נעמט איצטערט אַרום,
איז דאָס שטילע פייערל אין גרויסן לאָמפּ,
וואָס הענגט איבער מיר מיטן קאָפּ אַראָפּ.

נישט דאָס פלעמל לאָקט אַצינד מיין בליק —
ס׳איז דאָס בלויע היטעלע אויפן שפּיץ פלעמל,
וואָס קוקט אין מיינע אויסגעשטעלטע אויגן אַריין.

מיט לאָקער אין בליק שטרעק איך דעם קאָפּ
אויף יענער זייט היטעלע אַריבערצוקוקן,
נאָר מיין קאָפּ פאַלט אויף צוריק הינטער מיר.

דאָס בלויע היטעלע פאַלט אין פלעמל אַראָפּ,
דאָס גלאָז פון לאָמפּ ווערט אַצינד אַ שפּיגל —
אַ בונט פאַרבן פלאַנטערט זיך פאַר מיין בליק.

דער שפּיגל שפּעט נאָך דעם קאַלטן נייגיר
אין מיינע אויפגעריסענע אויגן, איך זע
זיך אַנטקעגן קומען פון יענער זייט גלאָז.

דאָס פלעמל הערט אויף ציטערן פאַר מיין אָטעם,
ציט זיך טיפער אַראָפּ אין דער קנויט
און ווערט אַ שטערן אין אַנגעלאָפענער נאַכט.

איך ווייס נישט וואָס איז איצט מיר בילכער,
דער טאָג, וואָס איז שוין אַוועקגעגאַנגען,
צי דער, וואָס שטעקט נאָך צווישן ליכט און שאָטן.

דאָ איז קיין דרויסן נישט פֿאַראַנען,
אַלץ איז דאָ פֿון אינעווייניק ענג פֿאַרמאַכט —
איך קוק פֿון האַלב־וואַך צו דער וואַך אַרויס.

די פֿאַרבן אין שפּיגל וויקלען זיך אויס,
בלויז דאָס גלאָז בלייבט איצט איבער —
פֿון יענער זייט גלאָז פֿאַלט אַ ליכט אויף מיר.

דאָס ליכט איז בלענדיק ווייס, ליידיק און קאַלט
און שפּאַלט זיך אויף דער העלפֿט איבער מיר —
כ׳הייב אָן די אַנדערע זייט ליכט צו דערזען.

פיאַטזאַ סאַן פּיעטראָ

אַזוי האָט באַדאַרפט צו זיין
און אַזוי האָט מען דיר רעכט געטאָן:
אין בראָנדז דיך אַריינצוגיסן,
אין שטיין און מאַרמאָר דיך צו פאַרגליווערן
איז דער גרעסטער שכר דיר באַלוינט געוואָרן.

די ערד פון גליל, דער בלוי פון כנרת,
איז דאָך פאַר דיר בלויז אַ נעץ געווען,
אַ כזית פיסנעס ברויט, אַ מעסטל גראָבן זאַלץ
פון אַ שטרענג געצאַמטן טייך אַרויסצוהאָרעווען.

האָסטו די נעץ איבער הייסן זאַמד געשליידערט,
דעם טויער פון ירושלים געוואַלט אויפפּראַלן
צו אַ דרויסן, וואָס איז אַ געץ געווען —
איז דאָך רעכט געווען באַ דיר ס׳האָרץ אַרויסצורייסן,
אין שטיין און מאַרמאָר דיך צו פאַרגליווערן,
און אַ טויטן דיך פאַר אַ געץ איבער אַלע
אויסגעקרימטע געסלעך פון רוים אויסצושטעלן.

שטיי איך אַצינד, פון אַזויפיל נעכטנס צוריקגעקומען —
די פּיאַטזאַ — אַ ברייט צעעפנט מויל,
פיבערט מיט אומגעזעטיקטן הונגער
אונטער העלישן פלאַקער פון זון.
אַרום מיר —
סטאַלאַס ברוינע, שוואַרצע,
ווי מחנות ראָבן איבער ערשט געפּאַלענעם שניי.
אַן אייביקע נאַכט ציט זיך פון זייערע טאָגאַס אַראָפּ,
ווייסע שטריק גאַרטלען זייערע איבער־זעטיקע היפּטן,
אַן אימהדיקע שטילקייט שלאָגט פון זיי,
ווי פון אַ שפּיטאָל קאָרידאָר.

אַ מענטשן־ים כוואַליעט זיך צו דיין טיר,
פּראַצעסיעס אויסגעשטרעקטע הענט,
ווי צווייגן אין אָפּגעזומערטן וואַלד
ציען זיך צו דיין אָפּגעטראָטענער שוועל.
זיי קושן דיינע בראָנזענע פיס אַראָפּ
און מיטן זעלבן אָטעם, מיט אייגענער טרער,
שפּריצן זיי מיין בלוט איבער דיין שטיין.
נאָר איך בין בלוט און פלייש,
איך קאָן ווידער און ווידער לעבעדיקער ווערן.

און דו —
מיט שטיינערנע שליסלען אין שטיינערנע הענט,
וועלכן טויער קאָנסטו שוין אויפמאַכן ?

דיין בליק

א

דיין קלאָרער בליק איז פון דיין אויג אַוועק,
בלינקסט אַצינד אין אַ מוטנער נאַכט אַריין,
דיין געשטאַלט האָט יעדע מין פאַרב פאַרלוירן
און דיין געשטעל קאָן זיך פון אַזאַ טונקל
נישט אַרויסזען. פאַרקלעקט איז דער נאָמען
פון דיין גאַס און דער נומער פון דיין הויז,
זעסט נישט מיט וואָסער ראָג זיך צו פאַרנעמען
און וואָסער שוועל דו זאָלסט איצט איבערטרעטן.

דער אמת איז, ס׳איז נאָך גאָר קיין נאַכט נישט,
דער רויך פון דזשעטן האָט דעם הימל פאַרריסט,
דער שטויב פון צעטראָטענער לבנה
איז אויף דיר מיט אימפּעט אַראָפּגעפאַלן,
האָט פאַרבלינדט דיינע אָפענע אַפּלען
פון וואַנען דיין קלאָרער בליק איז פאַרשווינדן.

ב

דיינע אויגן זענען מיט לערן שטוין פאַרלאָפן,
דיין בליק איז קאַלט און שטאַר, ווי דער ציפער
אין דיין צירוף מיט ריינעם שכל צעשטעלט.
דעם פלי אין די הייכן, וואָס דו האָסט געטאָן
האָט דיך צום לץ פון קאָמפּיוטער דערפירט,
וואָס האָט אויך דיך פאַר אַ ציפער פאַררעכנט,
און ס׳לויטערע וויסן, וואָס דו האָסט פאַראייגנט
איז דיין פאַרנעם ווייט אַריבער געלאָפן.

האָסט פאַרציילט דעם באַטרעף פון זיך אַליין
און דו ביסט אַ פרעמדער צייכן געבליבן
אין אַ חשבון, וואָס קאָן נישט באַרעכנט ווערן.
און צו וויפל הייכן דו זאָלסט זיך נישט דערהייבן
וועט נאָך אַלץ איין הייך בלייבן אַריבער דיר —
די הייך צו קאָנען זיך אַליין דערגרייכן.

ג

ס׳איז פֿאַראַן אַ מין וויסן, וואָס איז איבער
דער חכמה פֿון דיין אויסגעשטעלטן ציפֿער,
ס׳איז אַ וויסן, ווען דער ציפֿער נעמט זיך אויס
און דאָס האַרץ ווייסט אין פֿאַראויס דעם באַטרעף
איידער דער שכל לייטערט זיך אויס פֿאַרן בליק.
די וואָר גייט אויף מיט קלאָרן זין איבער מיר
און כ׳בין מער ווי אַ דרויבל פֿון אַ ציפֿער,
וואָס אַ קנאָפּקע פֿון קאָמפּיוטער טיקט אויס.

מיין אויג ווערט וואַכער, מיין בליק איז קלאָרער,
איך שטיי פֿאַר זיך אַליין אַן אַנטפּלעקטער:
איך בין אַ מענטש מיט בלוט אונטער דער הויט —
אַ יש אונטער אַ הימל מיט פּראַרכטיקן וואונדער,
וואָס באַנייט זיך איבער מיר מיט יעדן טאָג,
ווען די זון קוקט זיך אום אויף מיין געשטאַלט.

פאַר אַלץ

אַלץ וואָס דאָ האָסט אין דיין טיף דערזען,
האָט גאָרער טרויער דיין אויג פאַרלאָפן
און —
דו ביסט פאַרבלינדט געוואָרן.

איין טרייסט איז מיט דיר געבליבן:
די הייך —
זאָלסטו מיט דינסטן חוש אויפנעמען.

וועסט מיט אינערלעכן אויג אין דיר,
קאָנען דערזען —
אַזויפיל מערער איבער דיר.

באַ זיין בעט

פיר עלעגיעס אויפן טויט
פון מיין ליבן חבר —
דעם נאָוועליסט,
משה יודל שעליובסקי ז״ל

א

איך שטיי באַ זיין בעט, קוק זיך איין
אויף זיין שלאָף־פאַרטראַגענעם געזיכט,
וואו דער לאָמפּ אויפן טישל דערלעבן
לייכט אויף אים מיט געמישטער שיין
פון מאַטן געל און אָפּגעשלאָגענעם רויט.
שאָטנס אויפן ווייסן ליילעך העפטן אויס
אַ בילד פון ליכט מיט שאָטן אויף שאָטן
אַרום אַ מענטש, וואָס איז בלויז חומר געוואָרן.

די שאָטנס מערן זיך, מינערן דאָס ליכט,
באַלד, און אויך ער וועט אין שאָטן זיין.
איך כאַפּ אַראָפּ דאָס שיינדל פונעם לאָמפּ —
דאָס ליכט איז נאַקעט. ער כאַפּט זיך אויף.
מיט שטאַרן בליק אין די צעפּראַלטע אויגן
קוקט ער אויף מיר, ווי צום ערשטן מאָל
און פרעגט מיך, ווי פון חלום אַרויס:
„שוין לאַנג זינט איר זייט דאַ פאַראַן?״

זיינע אויגן ווערן באַלד קלערער, לויטערער,
געלייטערטער צער דורך דין, דינעם שמייכל
קוקט פון זיין באַרואיקטן פּנים אַראָפּ:
„ניט לאַנג צוריק איז דאָ לאַנדוי געווען,
באַ מיר דעם בראַצלאַווערס מעשיות געליען.״*
פון זיין רעכט אויג פאַלט אַ טרער אַרויס
און ער פרעגט מיך מיט מילדן, שטילן טאָן:
„וואָס זייט איר פלוצלינג אַזוי בלאַס געוואָרן.״

אַ מאַן אין ווייסן שטעלט אַריין אַ ווייסן קאָפּ,
די ברוינעברילן פאַרשטעלן זיין אויסזען,
זיינע ווייסע פינגער שפּירן אויס דעם חולה,
ווי ער וואָלט אַליין דער אַל־באַשעפער געווען.
אויף הויכע אָפּצאָסן מיט פאַריסענעם שטערן
שטייט די שוועסטער אין אָפענעם, ווייסן כאַלאַט
מיט ווייסער טיאַרע אויף אירע בלאָנדע לאָקן.
ער רעדט צו איר — האַלב וואונק, האַלב לשון.
זי פאַרצייכנט פּינקטלעך אויף דער טאַבעלע:
באַ נומער נול דרייצן איז די היץ געשטיגן.

---

*) לויט יידישן פאָלקקלאָר — ווען אַ מת קומט אַ חולה צו חלום און נעמט עפּעס באַ אים, איז אַ שלעכטער סימן פאַרן חולה.

פון דער אַנגעלאָפּענער נאַכט אויף די שויבן
ווערט שאַרפער אין צימער דאָס נאַקעטע ליכט.
דער חולה, ווי אין געבעט, מאַכט די אויגן צו,
דאָס געלקייט אויף זיין פּנים ווערט שטאַרקער —
איך דריי אויס דעם לאָמפּ — אַלץ איז נאַכט.
בלויז דאָס ווייסע ליילעך איז דאָס ביסל ליכט,
וואָס ווייזט אַ הויפן חומר אין זיך פאַרקנוילט.
האַר פון דער וועלט, פאַרוואָס מוז דיין צלם־אָדם
אַזוי פאַרקרימט ווערן, ווען ער גייט שוין סיי ווי
דעם לעצטן טראָט אויף דיין אָנגעחתמעטן גאַנג.

ב

דער חשבון איז צדק

„מיינע טעג מיט אַייך נעמען זיך שוין אויס,
ווי לאַנג קאָן מען זיין אויף געבאָרגטע צייט?
איז גוט, וואָס איר זייט געקומען באַצייטנס —
דער מלוה קומט דאָך שטענדיק פאַר דער צייט״.

„ווען מען קומט אַנטקעגן די אייביקע שעה,
גייט אַוועק דער חילוק פון מאָס און צייט,
איך בין סיי ווי דער לעצטער פון אַ דור —
אַן איבעריקער אין דרויסן איבערגעבליבן״.

„נאָר ניט געוויינט, עס פּאַסט גאָרניט פאַר אַייך,
העלפט מיר בעסער, כ׳בעט אייך, פון בעט אַראָפּ,
דעם שפּאַן צו דער טיר וועל איך שוין אַליין —

„כ׳וויל אָפּאַכטן דעם מלוה, אים צו וויסן טאָן:
איך בין גרייט, מיין האַר, נאַ דיר אָפּ דעם חוב
און דיין חשבון מיט מיר וועט ווערן צדק״.

ג

זיין צוואה

„ווען איך וועל שוין דאָ מער ניט זיין,
זאָל מען קיין רעדעס ניט האַלטן,
קיין הספדים נאָך מיר ניט מאַכן —
ניט באַטרויערט, ניט באַדויערט,
זאָל מיין ניט זיין ווערן״.

„באַם פאַרמאַכטן ארון זאָלט איר אַליין
די קאַפּיטלעך „טז״ און „צ״, פון תהילים,
אויף לשון קודש און יידיש נאָך מיר זאָגן
און וואָס גיכער צו מיין רו, וואָס איז נאָר
אין דער אייביקייט פאַראַן, מיך איינזאַמלען״.

ווען איך בין פון גוטן אָרט צוריקגעקומען,
האָב איך זיך אין שול צו מנחה געפעדערט,
אין פּאָליש באַם האַנט־פּאַס די הענט אָפּגעגאָסן
און שטילערהייט מיט מנין קדיש יתום געזאָגט.

דיר איז גוט געווען, משה יודל —
נאָך מיר איז קיין אָבל אויך נישט געבליבן.

ד

עפּילאָג

פרישע חלה, אַלטער ווײַן,
ווײַסער קעז, שוואַרצע קאַווע,
די סעודה איז רײַך געגרייט,
דער טיש איז זאַט געשטעלט.

דײַן שטאַלטנע הײַך גרייכט מיך
העכער אַ גאַנצן דור אַריבער,
דײַן לאַנגער שאָטן קאָן גרינג
מײַן דריבנעם פורעם פאַרדעקן.

צוויי דורות שאַרפע קאָנטראַסטן
זאַמלען זיך נענטער צונויף,
אונדזער חברשאפט ווערט מערער —
מיר זעען זיך גלײַך אויף גלײַך.

מיר זיצן באַם טיש זאַלבעגאַנד,
לאַבן זיך מיט געקילטן ווײַן
און רעדן לאַנג וועגן וואַרט,
וואָס איז אין וואַרט פאַרהוילן.

איטלעך וואָרט האָט אַן אייגן קול,
יעדעס קול מיט קלאָרן נאָך־קול
רופט זיך איבער מיט אונזביידן
און ענטפערט יעטוועדן באַזונדער.

אַצינד — ביזט נישטאָ מיינער,
האָט מיך דיין עלטער אָנגעיאָגט —
איך הענג אויף זיך — אַ טרייבל
פון אָפּגעלענקטן טעלעפאָן.

פאַראַן

אויף יענער זייט נאַכט,
איז אַ ליכט אַזאַ פאַראַן —
דערזעסטו זיך נאָר צו זיין אָפּשיין,
פאַנגסטו די זון אין דיינע אויגן אַריין.

אויף יענעם זייט ליכט,
איז אַ וועג אַזאַ פאַראַן —
שטעלסטו בלויז אַ טראָט אויף אים,
דערזעסטו זיך אין אומעטום.

אויף יענעם זייט וועג,
איז אַ שאָטן אַזאַ פאַראַן —
קוים טוט ער זיך אָן אויף דיר,
גייסטו שוין מיט אָוונט אויף שפּאַציר.

אויף יענעם זייט שאָטן,
איז אַן אָוונט אַזאַ פאַראַן —
קוים וויגט ער דיך אין אַ דרימל איין,
גייסטו מיט אים אין שטענדיקן חלום אַריין.

דאָס וואָרט

און ס׳איז געוואָרן

דאָס וואָרט מיט פּייער אויף שטיין געקריצט
איז אונדז מיט גענאָד געשאָנקען געוואָרן.
ווען דאָס ערשטע וואָרט
האָט דאָס ליכט געזען
איז אויך אונדזער ליד געפורעמט געווען.

און עס איז געוואָרן: מיר האָבן דערלערנט
אונדזער וואָרט צו די בלעטער פאַרדינגען,
האָט דער שיטערער טינט
ס׳עכטע וואָרט פאַרוואַסערט
און דאָס ליד צום לערן גראָם פאַרשאַכערט.

אונדזער גראַמאַטיק

צו וואָס ביזטו היינט אויף דער גאַס אַרויסגעקומען ?
דיינע טריט קאָנען אַזויפיל שטרויכלען נישט איבערהיפּן,
די ווערטער וואָס דו האָסט געוואָלט פון זיך אַרויסזינגען
זענען אויף דיין צונג מיט אייליקייט פאַרגליווערט געוואָרן.

ווען ווען ווען? ווען ווען ווען ?

וועמען ווען ווען ? ווען ווען ?

וועמען ווען ווען ?

וועמען וועסטו היינט אפילו באָם נאָמען אַרויסרופן ?
אונדזער גראַמאַטיק האָט דאָך אַלע סובסטאַנטיוון פאַרלוירן,
ווי אַזוי וועסטו היינט דיין דאַנק צום הימל אַרויפשיקן —
דאָס וואָרט איז דאָך פון זיינע שטאַמען אָפּגעריסן געוואָרן.

די ווערבן ליגן מיט גרויל איינגעפרוירן,
פאַרטיציפּן מיט אָנגעהורבעטע גראַמען באַלאַסטיקט,
טרייסלען זיך פון זאַצן מיט צעהויקערטן סינטאַקסיס,
פון איבערגעפלאַסענעם טינט ליגן אַלע אַדווערבן פאַרקלעקט.

די אַדיעקטיוון ליאַרעמען דולע פון די שויפענצטער אַרויס,
אַלע סופּערלאַטיוון זענען צו געהאַנגענע שילדן פאַרקרעמערט,
פון אונזער גראַמאַטיק איז בלויז פינף וואָקאַלן געבליבן
און אַ בלויזן וואָקאַל קאָן אויך דער ווינט אַרויסרעדן.

דאָס גאַנצע וואָרט איז שטום געוואָרן,
בלויז דער ווינט קאָן זיך מיט דיר צונויפריידן —
ער האָט קיינמאָל קיין גראַמאַטיק נישט געהאַט,
באַנאַנד קאָנסטו דערהערן דאָס לשון פון דיינע טעג.

מאַך אויף דאָס מויל, שריי אַרויס די פינף וואָקאַלן,
סע וועט דיר ענטפערן דער ווינט, דער טיגער אין וואַלד,
די מאַלפּע פון צעפּאַרעטן דזשונגל אַרויס
און אַמאָל, אפשר אויך די סאָווע נאָך האַלבער נאַכט.

אויף יענער זייט גאָרטן

אויף יענער זייט גאָרטן איז אַ פּאַפּירענע בריק פּאַראַן,
אונטער דער בריק איז דאָס שטיי־וואַסער מיט מאַך באַגרינט,
גרינע צינגער שיפּען דולע ווערטער אין שליימיקן ברוד
און ס׳גליווערט אויף פּאַפּירענער בריק געררך פון זומפּ.

אויף יענער זייט גאָרטן איז דאָס וואָרט פאַרשוועכט געוואָרן,
אומריין איז דער קוואַל, וואָס האָט געשפּרודלט פון אַלטן ברונעם,
דער טאָג האָט היינט מיט געלעסטער פון שד זיך צעקלינגען
און פאַרטויבט דעם ניגון פון גאון און פון תנא.

אויף יענער זייט גאָרטן איז דאָס ליד שוין טויב געוואָרן,
מיט ווייסן טינט אויף ווייס פּאַפּיר האָט אַרמילוס אים פאַרשריבן,
דאָס קול פון פערטן בן פון מה נשתנה איז היינט גרויס גערימט —
ער האָט הייליקן נאָמען מיט אַלע ריי̆ניקייטן גראָב פאַרשוועכט.

צווישן מינים

גאַנץ פרי האָב איך מיט אַלע ווערטער זיך צעקריגט,
אַ לויטערע שטילקייט איז גרינג געפאַלן אויף מיר,
איך בין אַ שטומער מיין שוועל אַריבער געטראָטן —
די טיר הינטער זיך געלאָזט פריי צעפראַלט.

דער באַגין איז אַ הויכער געשטאַנען איבער מיר,
דער מאָרגן איז פולער געוואָרן מיט מיין טראָט,
איך האָב בלויז געהערט דאָס לשון פון מינים —
איך האָב אַ סך געאָנט און פאַרנומען נאָך מער.

מיר איז גרינג געווען צו גיין צווישן מינים,
מיינע ליפּן האָבן מיט לייכטן אָטעם געצוקט,
איך האָב קיינעם באַם נאָמען נישט אָנגערופן
און קיינעם מיט מיין קול נישט פאַרשוועכט.

מיין שאָטן האָט זיך געצויגן פאָראויס פון מיר,
איך האָב גערן זיך געלאָזט פירן פון אים —
צוויי שטומע האָבן אויף גלייכן שטראָז געשפּאַנט
און זיך פאַרלוירן אויף דער קאָרע פון אַ בוים.

גיי אַוועק

קער זיך אָפּ פון זיי,
גיי אַוועק מיט שטילע טריט,
דיין באַזונדער איז זיי אין וועג,
זיי דערקאָנען זיך נאָר אין צוזאַמענס,
אין זשומיקן פרעפל פון זייער ענגן ציבור
ווערן פון גאַרער פרומקייט אַלע ריי ניקייטן פאַרשוועכט.

הינטער דיר וואַיוועט אַ ווערטער ווינט,
דיין מויל וועט מיט זאַמד פאַרפרישטשעט ווערן;
ווען דו וועסט אַ זילב אויף דער צונג אַרויפנעמען,
זיי האָבן פאַרמעקלערט דאָס וואָרט אויף לויטן און קווינטן
און פאַרלויפן די מאַרגנס מיט געלויב צו אייגענע געביינען —
די אייביקייט זאָל אַ בלאָט געפינען
די שרייענדיקע נאַקעטן צו פאַרדעקן.

האַלט וואַך דיין זיכרון,
אַלע אויסגעוואָרענע צוזאַמענשאַפּטן
האָסטו שוין ווייט הינטער זיך איבערגעלאָזט,
שטעל נישט אויס קיין קריגערישע האַנט איבער זיי,
נעם אויף מיט רחמנות די לערקייט פון זייער רעפּריין,
דאָס זאָל דיר אַ סימן זיין, און אויך דיין לוין זיין.

ביסט אַצינד דער אַליינסטער,
צי אונטער געווי דעם חשבון,
פרייד און טרויער איז איין געשטאַלט,
ס׳ווענדט זיך נאָר, וואו דער שאָטן פאַלט,
דיין וועג מיט שטילע טריט קומט דיר נאָנט אַנטקעגן,
און פירט דיך צום ליד, וואָס איז נאָר אין תפילה פאַראַן.

דער פּלאַם

און ס׳איז געוועזן, היינט — מיט אור, אור צוריק,
האָב איך דערזען מיין שאָטן ציטערן אין ליכט,
דאָס ליכט האָט לויטער געבלענדט אין מיין בליק —
כ׳האָב דערזען מיין געשטאַלט גאָר אומגעריכט.

ס׳וואָרט האָט צו מיר אין פייער זיך באַוויזן,
איך האָב געזען דעם פּלאַם קריצן אות נאָך אות,
זיין העלע שיין האָט מיין געזיכט באַלויכטן —
מיין פּנים האָט אין קלאָרן פּלאַם מיך דערזען.

דער פּלאַם איז געשטיגן און האָט מיך דערהויבן,
די הייך פון הימל איז נאָענט געוואָרן מיט מיר,
כ׳האָב זיך דערזען אין אַנבליק פון דער וועלט
און דערשפּירט דעם פלאַטער פון זיין געפּאַרכט.

מיין טראָט האָט מיט ציטער גענענט צום פּלאַם —
איך האָב דערהערט דעם קלאַנג פון מיין אייגן קול.

דאָס וואָרט

דאָס וואָרט, וואָס קומט איצט אויף אין דיר,
שיק מיט ציטער אַרויס צו גאָרער הויך.
דערזאָג זיך צו זעלטענער שעה פון רחמים,
וואָס קומט אָן אין לעצטן געלייטער צו דיר
דיך צו דערהויבן פון שטויב און רויך
מיט נס פון אות, וואָס זי האָט געבראַכט אים

ווי אַ סימן — דו ווערסט אין וואָרט דערהערט.
דאָס וואָרט מיט טרויער־פרייד נעם איצט אויף,
ווי מען נעמט אויף אַ לאַנג דערוואַרטן גאַסט,
דאָס וואָרט איז איצט פאַר תפילה דיר באַשערט,
ווען דער מנחה־בלוי צירט זיך אויף דיר אַרויף
און אַנטפלעקט זיך אין שטערן־ליכט געפאַסט.

אַזוי איז דאָס געווען אין אור־גאָרן אַנהויב,
ווען דו האָסט דעם ערשטן אות אין פייער דערזען,
אַזוי איז דאָס אויך אַצינד מיט געוואָרענעם אות,
וואָס דו נעמסט אויף מיט דאַנק און גלויב —
ווערסט לויטערער געהער פון אַלץ, ווען
דו זעסט פון זיך אַליין דעם ערשטן פאַרוואָס.

האָסט דיך דערהערט צום דינסטן קלאַנג פון וואָרט
און דערקאַנט די וועלט אין ערשטן בליץ פון ליכט,
פאַרנעם אויך אַצינד דאָס וואָרט מיט לעצטן אות,
וואָס קומט צו דיר מיט ערשטן רמז גראָד געפאַרט
און דערזעסט זיך ווידער קלאָר און אומגעריכט,
ווען ס'העלט אויף פאַר דיר דער לעצטער פאַרוואָס.

אין שײַן פֿון מאָרגן

די שײַן פֿון מאָרגן שלאָגט זיך אָפּ אויף דיר,
דײַן אויג פֿול מיט חלום עפֿנט זיך אין שײַן
פֿון װאָך געװאָרענעם ליכט הויך איבער דיר,
ס׳הייבט אָן דיר קלאָר װערן, ס׳איז אויך דאָ
אַ זין אפֿילו אין דעם, װאָס איז נאָך נישטאָ.

די װעלט איז נאָך נישט אַזוי נאָנט מיט דיר,
קאָנסט דערזען דעם זין פֿון אַלץ אין גאָרן װערן,
דער ערשטער פֿלאַטער פֿון אַ קלאַנג קומט אויף,
דער טאָן װערט העכער, פֿולער אין דײַן געהער —
דערהערסט זיך צום ציטער פֿון אָנהויב װאָרט.

דאָס װאָרט איז אין יעדן אות נאָך איצט פֿאַרהוילן
און פֿליסטערט צו דיר פֿון מאָרגן־ליכט אַרויס,
צי דאָס ליכט אין דײַנע װאַכע אויגן אַרײַן
און שטעל אַװעק מיט פֿאַרכט יעדן אות אַצינד,
װי דו װאָלסט אים אויף פּאַרמעט אויפֿגעשריבן.

בלויז מיט ציטער פֿאַר יעדן אות באַזונדער,
איז דיר באַשערט צום גאַנצן װאָרט דערגרייכן,
זאָלסט דערהערן דעם פֿולן קלאַנג פֿון דײַן
אויפֿגעגאַנגען קול אין אַ ציטעריקן באַגין —
אַ דערהויבענער מיט װאָרט צו תּפֿילה דערגײן.

מנחה־בלאָ

דער מנחה־בלאָ הייטלט זיך אַרויף דיין שויב,
די שויב ווערט שפּיגל און דו ביסט אינדערמיט,
דער שפּיגל זעט דיך איןביידע זייטן ליכט
און האַלט איבער דיר אַ רעשטל טאָג אין פאַרנאַכט.

אַזויפיל אַכפּער איז אַצינד אין וואָרט פאַראַנען,
אַזויפיל וואָרט איז נאָך געבליבן אין דיר,
זאָג אַרויס פון זיך דאָס וואָרט, דאָס באַשערטע
דו זאָלסט אַ באַגערטער צו תּפֿילה דערגרייכן.

אין ראָם פון דער שויב איז דער גאַנצער הימל אָפן,
אין מנחה־בלאָ פון טאָג וואָרט די אויפגעריכטע שעה,
ווער אַ בעטער אַצינד פאַר דיר, פאַר דעם וואָס אין שפּיגל
זאָלסט דאָס פאַרהוילענע אין אָפענעם קאָנען דערזען.

אַזויפיל טראָפּ האָסטו אין זיך אַריינגעניגנט,
פאַרנעם דעם חסד פון יעדן געוואָרענעם טראָף,
זאָלסט זיך דערהויבן צום גענאָד פון האַר,
וואָס האָט דיך מיט אַכפּער צום וואָרט אויפגעהויבן.

דער מבול

דער מבול פון טינט איז אויף מיר אַנגעלאָפן
און פאַרשוואַרצט דעם פורעם פון מיין געשטאַלט,
דאָס וואָרט איז אַ פלעק אויף פאַפיר געוואָרן
און שפאַרט דעם אור־וואַלד אין די אויגן אַריין.

פון געשריפט אויף פאַרמעט אויסגעציטערט
דערציילן שוין בלויז געציילטע, אַלטע לייט —
אויסגעמישט איז היינט דאָס לעצטע טרייסט־וואָרט
מיט פלויש פון איבערגעלאָפענעם ראָוו.

ווי וועל איך מיינע טעג קאָנען פאַרענטפערן
פאַר די מאָרגנס, וואָס וועלן מיך וועלן דערקענען,
דאָס ווילסן, וואָס איך האָב מיט שטאָלץ דעראָבערט
האָט מיט געשפעט פון שטן מיך אויסגעלאַכט —

מיינע טעג לויפן אויס אין צעטומלטןווינט
דורך אויסגעלענקטע ווענט פון אַ חורבה.

ווידערקול

נאַכט, די וועלט שלאָפֿט, דו ביזט אַלט,
אַלע נעכטנס זענען פּלוצלינג אַזוי ווייס
אויף דיין קאָפּ אַרויפֿגעפֿאַלן.

ס׳קוקן אויף דיר אויסגעוואָרענע טעג,
ווען יעדער מאָרגן איז אויפֿגעגאַנגען
בלויז פֿאַר דיר אַליין.

צייט האָט אויף בלויער פֿלאַך פֿון טייך
געדרימלט, דער ווינט האָט דאָס וואַסער
ערשט אָטעמען געלערנט.

האָסט נישט געזוכט דערגיין דעם וואוהין
פֿון דיינע טריט, אויף דיינע טעג האָסטו
קיין ציפֿער נישט אָנגעטאָן.

דאָס לעבן איז הויטיק־נאָנט מיט דיר געווען,
אויף סטראַי דיך געפֿירט, האָסט נאָר געזען
פֿרייד־וויי פֿון געבורט.

דיין קול האָט געדרימלט אויף דיינע ליפּן,
געוואַרט אויף ערשטן אָפּקלאַנג אין פּולן
וואַרט זיך צו זיך דערהערן.

איבער פּולן וואַרט ביזטו קיינמאָל נישט דער האַר,
ביסט בלויז דער האַר איבער קלאַנג מיט וואָס
דו רופסט דאָס וואַרט פון זיך אַרויס.

וויפל פּחדים האָסטו צווישן קול אוןווידערקול
אויסגעציטערט זיך צו דערקאַנען אין ווייסע טעג
פון אַ רייפן זכרון.

ערשט איצט קאָנסטו באַנעמען דעם זין און מיין
פון צוריקגעקומענע קלאַנגען דיר אונטערזאָגן:
האָסט זיך צו זיך דערהערט.

פֿאַרנאַכט

די שרייענדיקע לאָמפּן פֿאַרבלינדן דײַנע אויגן,
די דריי־טיר אײַלט דיך אַרויס צום דרויסן,
וואָס כאַפּט דיך אין געווירבל פֿון אָנגעלאָפֿענער שטאָט
און מעקט דיך אָפּ אין געהעמטן שפּאַן פֿון זיין געדרענג.

די אַספֿאַלטן לאָזן נישט קיין שפּור פֿון דײַנע טריט,
זיי זענען קלוג אויסגעלייגט צו פֿאַרהיטן דײַנע שיך
פֿון ערדישן שטויב, דער רויך פֿון קוימענס פֿאַרציט
זיך איבער דיר און ווערט דער הימל פֿאַר דיין אויג.

דײַנע אויגן אין גרויסן הונגער קאָנען נישט דעריאָגן
אַ מינדסטע מינע, אַ דינסטן וואונק פֿון אַ בליק,
וואָס זאָל אַ לויכט טאָן פֿאַר דיר מיט דערקאָנטשאַפֿט —
אַלע בליקן, אַלע ווערטער האָבן זיך אין רעש פֿאַרפּלאָנטערט.

קום, פֿאַרנעם זיך מיט מיר אין שמאָלע גאַסן,
אין שמאָלע גאַסן איז דער אָוונט נענטער,
וועסט זיך דערזען אין אָנבליק פֿון דיין אַליינזאַם
און זיך האָבן דערבענקט צו דער רו וואָס איז אויך פֿאַר דיר.

אַ פֿאַרטאָג מיט שפּינאָזאַ

מיין פֿענצטער איז אָפֿן,
דרויסן איז הויך און ווייט,
אַ פֿאַרכטיקע שטילקייט האַלט מיך וואַך
מיט ערשט געקומענעם טאָג —
און פֿאַר מיינע אויגן צעעפֿענען זיך
די צייכנס פֿון דיין אויסגעווירעטן גאָט.

טרויער און פֿרייד זענען מאָסן פֿאַר פּערפֿעקציע,
מיט אַטריבוטן און אַקסיאָמען שטייג איך
צו העכסטער הייך, וואָס דו רופֿסט סובסטאַנץ —
דער שטענדיקער אַל, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אויס.

אַלץ איז מיט לויטערן שכל צערעכנט,
ס׳קוואַלט מיט ערשטער פֿרייד פֿון טיפֿן דערקענען
און אויפֿגעשטראַלטן דערזען,
דעם טיפֿסטן סוד האָסטו מיט געאָמעטרישן ציפֿער געעפֿנט —
איך זע דעם בוים, דאָס גראָז, דאָס פֿעלד —
אַלץ מיט וואָס ערד און הימל און מענטש איז געוואָרן
לויכט אויף מיט ליכט פֿון צעשפּריצטן מעטעאָר.

איך שלאָג זיך אָפּ אין געלייטער פֿון דיין געדאַנק,
איך פֿאַרנעם דעם קלאַנג פֿון לאַטיינישן וואָרט,
וואָס דו האָסט אין קלאָרער שפּראַך דין געשליפֿן —
און ס׳צינדט זיך אַ פֿרעג־צייכן פֿון מיר צו דיר:
פֿאַרוואָס האָסטו באַ גאָט דאָס האַרץ אַרויסגעשליפֿן?

פרייד און פּאַרכט

דיינע פינגער קלעטערן איבער שטויסן פּאַליאַנטן,
מישן מיט אייפער די עלטער פאַרשריבענע בלעטער,
פּאַר דיינע אויגן גייט אויף די חכמה פון ציפער,
וואָס קוקט מיט געלאַקער פון דיינע אַפּלען אַרויס —
דער גיר שרייט פון אַלע פאלדן אויף דיין שטערן.

פּאַרסט פלינק ציפער מיט צייכן, צייכן מיט ציפער,
דאָס געכפלטע וויסן העלט אויף מיט אַנטפּלעקונג
און שלאַגט אַראָפּ פון דיין צעלויכטענעם געזיכט,
דער סך הכל טויכט פון געניסטן חשבון אַרויס —
האָסט דעם סוד פון גאַרער פאַרהוילעניש צעעפנט.

קוקסט שוין אויף זיך, ווי אויף ערשטן וואונדער,
מיט דרייסטע שפּען הייבסטו זיך די הייכן אַריבער,
נאָר וואָסער הויך דו זאָלסט נישט האָבן דערגרייכט
איז דער הימל נאָך העכער פון דיין העכסטן פלי —
דער גיר איז אַלץ דיין איינציקער ציר פאַרבליבן.

דיינע אויגן לויפן איבער מיט פרייד און פּאַרכט,
דערקאָנסט זיך נישט אין אַנגעקומענעם וואונדער,
און הייבסט זיך העכער פון דיין פּאַריסענער ברעם,
וואָס האָסט לאַנג געאַנט האָט דיך אַצינד געפּלעפּט —
זעסט זיך אַליין אומגעריכט אין ציפּער פּאַרעכנט.

איך ווייס, נישט דאָס האָסטו געמיינט צו דערגרייכן,
נישט אַזוי האָסטו געוואָלט זאָל דער סך הכל זיין,
האָסט נאָר געגלוסט פון דער זון ס׳ערשטע ליכט
אין זיין פולסטן געלויטער אויף זיך צעשטראַלן —
האָט דער שטן זיין שאָטן אויף דיר אויסגעצויגן.

זײַ שטיל

זײַ שטיל, דער אָוונט קומט שוין אָן,
הער זיך אײַן אין זײַן דינעם רויש,
נישט קיין טרויער, נישט קיין פרייד
גייט איצט אויף אַזוי הויך איבער דיר.

דײַן אייגענער שאָטן שפּרייט שוין אויס
דעם פאַרנאַכט איבער לאַנגער פלאַך
פון אײַנגעדרימלטן טײַך, און נעמט צו
פון דיר דעם אָפּגעלויכטענעם טאָג.

דער טאָג איז מיט חסד דיר בײַגעשטאַנען,
פון אַלץ וואָס דו האָסט אין חלום פאַרטראַכט,
איבער אַלץ, וואָס איז נישט דערקומען צו דיר
גייט אויף מיט לויב אין שטילער מנחה־שעה.

ביזט נאָך נישט אַזוי אַלט,
און אויך שוין נישט אַזוי יונג,
הייב אַרויף דײַן בליק צום געוואָרענעם בלוי,
וועסט דערזען דאָס לעצטע ליכט איבער דיר.

וועסט אויפנעמען מיט לויב די געוואָרענע רו.
די געקומענע שעה פון גלויבן וועט דיר בײַשטיין,
זאָלסט אין תפילה אַ דערהערטער זיך דערהערן
און אַ בליק אייביקייט אויף זיך דערשפּירן.

די ראַם

זאַלבענאַנד

מיין פרוי מאַניאַן — מיט ליבשאַפט.

ווען איך האָב דיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט,
איז די זון מיט מיר אין האַלבן טאָג שוין געווען.
איך האָב געוואָגטע ווערטער דיר שטיל פאַרטרויט:
דערנענטער זיך, יינגער זיך אַריין אין מיר.

דו האָסט מיין חלום מיט דיין וואָר אויפגענומען.
איך האָב זיך קלאָר אין דיינע בלאָע אויגן דערקענט,
מיר האָבן האַנט אין האַנט אין נאַנטשאַפט געשפּאַנט
און די טעג זענען געלאָסן געגאַנגען מיט אונדז.

ווען אָוונט איז מיט גראָ געפאַלן צוערשט אויף מיר,
האָט דער בלאָ פון דיינע אָפענע אויגן אַלץ געקוקט
אויף מיר מיט באַגין אין דיינע קינדישע אַפּלען,
ווי אַ שפּריץ ליכט פון אַ דינעם וואָלקן אַרויס.

און אַצינד, ווען די געדיכטע זילבערנע פעדים
שימערן שוין פון אונזער ביידנשאַפט אַראָפּ,
טו איך אַלץ געוואָגטע ווערטער דיר פאַרטרויען;
נענטער זיך, עלטער זיך אַריין אין מיר.

דערווייל

צום הונדערטן געבוירן טאָג פון י. ל. פרץ

ציַשן ליכט און פינצטער —
שאָטן,
ציַשן וואונטש און וואָר —
חלום,
און ציַשן לעבן און טויט —
דערווייל.

האָסט מיר געלערנט זען די וועלט
מיט יידישע אויגן,
איך בין נאָך דעמאָלט אַ קינד געווען,
די וועלט איז נאָך אין ערגעץ געווען,
ווען כ׳האָב זי מיט יידישע אויגן דערזען
איז מיר אַ גרויס רחמנות אויף איר געוואָרן.

מיין יידיש אויג נעמט אַרום אַלע אַנטקעגנס,
דערזעט דעם זין פון גלויבן און האָפן,
און דו —
בלויז זילבער איבער גלאָז —
אַ שפיגל מיטן פנים צום הימל,
„אויב נישט נאָך העכער.״

מיט לעיעלעסן אין סענטראַל פּאַרק

צו זיין צענטער יאָר־צייט

דער ווינט האָט דעם פּאַרק שוין נאַקעט אויסגעטאָן,
דיביימער — אַ סימן בלויז, אַז נישט לאַנג צוריק
איז אויך דאָ דער זומער אַ הויכער איינגעשטאַנען,
די צווייגן — שטאַרע פינגער, טייטלען צו דער זון,
וואָס וועט שוין היינט קיינעם מער נישט אָנוואַרעמען.

די שטיינערנע בענק שטייען איבעריקע, פאַרלוירענע,
דער ווינט ליאַרמט היסטעריש מיר אין פּנים אַריין,
ער פאַרטרייבט די שרייענדיקע בלעטער אין קנוילן —
ברוין און קופּער ברעקלען זיי זיך אין געווירבל
און ווערן צעמאַלן אין קאַלטער קלעם פון האַרבסט.

כ׳פאַרשפּיליע דעם מאַנטל, שטעל אויף דעם קאַלנער,
לאָז פריי דעם ווינט זיך צעוואויוען מיט די פּאַלעס
און שפּרייז פאַרזיכטיק די וויאַלע קנוילן אַריבער.
דאָ האָט לעיעלעס מיט מיר אַ ראַנדעוואו באַשטעלט —
כ׳בין זיכער, ער וועט קומען אין באַשטימטער צייט.

איך זע דעם „ריטער פון יידיש״ מיר קומען אַנטקעגן
מיט טראָט פון סאָנעט אין זיין געמיטלעכן גאַנג.
איך פעדער מיך צו אים מיט שויבער אין די האָר,
ער כאַפּט גיך אַ זייטיקן בליק אויפן האַנט־זייגער
און לאָזט מיט שטאָלץ מיר וויסן: פונקט אין צייט.

ער שטייט קעגן מיר — אַ דור העכער פון מיינע אַקסל,
מיט בלאָ פון האָדסאָן אויף מיר פאַטערלעך פאַרקוקט.
מיט שטוין אין טיפן ברוין פון מיינע אָפענע אַפּלען
באַוואונדער איך זיין שמייכלענדיקן בליק אויף מיר,
וואָס קוועלט מיט יונגשאַפט פון זיינע אויגן אַרויס.

מיין האַנט גריסט מיט פרייד זיין וואַרעמען האַלאָו.
„שוין אַ צייט מיט אַ מיטוואָך זיך נישט באַגעגנט,
מיר מוזן זיך עפּטער זעען. פאַראַן נאָך אַזויפיל
וואָרט אין אונדזער וואָרט צו דערזאָגן״. איך הער,
דער ריטער פון יידיש רעדט מיט מיר אויף גלייך.

מיר גיין טראָט אין טראָט אַרום די רונדע שטעגן.
אַ טשאָטע טויבן מיט גראָען ציטער אין די פליגל
טריטלען אין שרעק פאַר אונדזערע נאָענטע טריט,
מיט געמורמל רייסן זיי פאַנאַנד אין גאָרער בהלה
די צעטראָגענע פליגל און פליען אָפּ מיטן ווינט.

דער פּאַך פון די פליגל ציטערט אויף מיינע האָר.
מיט בלאָער הוט צו בלאָער הייך פּאַרקוקט, זעט ער
די טויבן פון זיין בלאָען בליק פּאַרלוירן ווערן,
און מיט ברייטן שמייכל אויף זיין פּנים צעשפּרייט
ברומט ער שטיל צו זיך: „אַ ליד דערפון שרייב.״

די טויבן האָבן דעם ווינט מיט זיך מיטגענומען.
דער פּאַרק איז שטיל, ווי די פעלדזן באַ די ברעגן.
ער שטרעקט אויס זיין רעכטן אָרעם גלייך ער וואָלט
דעם דרויסן פון פּאַרק וועלן צו מיר דערנענטערן
איך זאָל אויך דערזען דעם וואונדער, וואָס ער זעט.

„פּאַרכטיק־שיין זענען מאַנהעטנס שטאָלענע טורעמס,
ווי אַ שטרענגע וואַך אַרום דער שטאָט אויסגעשטעלט.
נישטאָ דאָס געמעל זאָלסט אין איר ראָם אַריינפּאַסן.
אַזאַ בילד קאָנסטו זעלטן ווען אין חלום דערזען,
אַזאַ בילד קאָנסטו נאָר מיט פאַרב פון וואָרט מאָלן.

אין שטילער פרייד מיט געלייטערטן צער באַצירט
האָבן מיר אין דער ראָם מיט באַזונדערן קאָליר,
קעגן קאָלטע, שטאַרע בליקן אַרום טויבע פעלדזן,
אונדזער יידיש געמעל מיט ריינעם וואָרט געמאָלן
און באַ די טייכן פון מאַנהעטן זיך צעזינגען.

וואָרט מיט וואָרט האָט מיט ניגון זיך באַהאָפטן,
דער ניגון האָט אַריבער די טורעמס דערגרייכט
און מיט באַזונדער געזאַנג זיך ווייט דערהערט.״
מיר שיינט דער פּאַרק זאָגט נאָך זיין יעדן וואָרט
און וואָס ער זאָגט בלייבט שוין אין מיין געהער.

„דער האַרבסט נעמט איבער די פאַרבן פון זומער,
צעבלענדט זיך איבער הימל מיט געפּאַלענער זון
און ווייזט זיך פאַר אונדז מיט אייגענעם קאָליר —
נאָר דער וואָס זעט, ווייסט ווי ס׳גלייכט זיך אויס
דער ווידעראַנאַנד, וואָס גייט פאַרביי זיין אָפן אויג.

נישט געאַיילט, מיר בלייבן נאָך אַלץ וואַכע היטער,
וואָס קוקן אַלענע אומעטן פונעם האַרבסט אַריבער.
האַרבסט איז נישט קיין סימן, האַרבסט איז נאָר אַ זמן.
מיר קאָנען גאַנץ שמיאַלע שטעלן אונדזערע טריט
און מיט גלייכן קאָפּ די מאָרגנס אַנטקעגן גיין.״

דער טאָג אַנטגייט, מיר לאָזן זיך אַרויס פון פּאַרק,
ס׳ליכט פון די פונאַרן אַיילט אונטער דער נאַכט,
לעיעלעס פאַרנעמט זיך צו מערב, איך — צו מיזרח,
אויפן וועג אַהיים, הער איך אים מיר אָנזאָגן:
פאַרגעסט נישט, איבעראַכטאָג, אין דער אייגענער צייט.

איך ווייס

פון אַבילות ביז אַבילות
שטאַרב איך אויס מיין דור.
אַ שוידער טראַפּנט מיין הויט
און מערט דעם גרויל אין מיר
דער לעצטער פון אַ דור צו זיין.

כ׳ווייס גאַנץ וואויל ס׳איז נישטאָ
קיין ערשטער און קיין לעצטער —
יעדערער לעצטער ווערט אַן ערשטער
מיט וועמען ער הייבט זיך אָן פונסניי —
אַזוי איז די וועלט געגרינטפעסטיקט געוואָרן.

איך בייג אַן דעם קאָפּ, נעם אָן דעם געבאָט
און דערזע זיך דער ערשטער פון אַ לעצטן,
וואָס איז געקומען ווידער אַ לעצטער צו זיין,
און אַ שוידער צעטראַפּנט מיין דינער הויט
און מערט דעם גרויל אין מיר.

די ראָם

לאַנגע טרעפּ שטייגן נאָך איצט מיט מיר אַרויף
צו ברייטע, אָפֿענע טירן און פֿירן מיך אַריין
אויף האַרט פּאָלירטע דילן, וואָס קרימען איבער
דעם אָפּקלאַנג פֿון מיינע בלאָנדזשענדיקע טריט.

ווייסע ווענט קוקן מיך אָן פֿרעמד און קיל,
די שטילקייט איז דאָ שטרענג אין ראַמען געפּאַסט,
אַ דין פֿאַרהוילענע שיין שלאָגט זיך אָפּ אויף מיר
און בײַט מיין שאָטן פֿון בילד צו בילד.

איך שפּיר מיט האַפֿט דאָס שאַרפֿע אויג פֿון מייסטער,
די פֿאַרבן דרינגען טיפֿער אַריין אין מיין בליק,
די געשטאַלטן אָטעמען אויף מיר מיט ווייט און נאָענט
איך זאָל קלאָרער דערזען, וואָס איך בין נישט געוואָרן.

פֿון אַ גאָלד געצירטער ראָם קוקט אויף מיר אַ געמעל,
די פֿאַרבן פֿילן אָן מיינע וואונדער פֿאַרלאָפֿענע אויגן,
דער קלאַנג פֿון מיין טראָט בלייבט מיט ציטער הינטער מיר,
מיין שאָטן פֿאַלט פֿון מיר אַראָפּ און איך דערזע זיך.

איך שטיי אין האַלב ליכט — אַ ראָם אין אַ ראָם געפּאַסט,
פון מיינע אַקסלען שטויבט זיך אַ לאַנגע שיין אַראָפּ,
איך בין אַ שאָטן, זעענדיק זיך אין אַלע געשטאַלטן
מיט אַלע צוריקגעקומענע נעכטנס אַרום אים.

די ראָם נענטערט זיך פאַר מיין בליק, פון איר
קוקן אויגן בלוי און גרין אויף מיר אַראָפּ,
דאָס פאַרהוילענע ליכט ווערט העלער, דאָס בילד
קומט שאַרפער פון דער שטרענגער ראָם אַרויס.

מיין אויג ווערט נאָנט מיט ערשט געוואָרענעם בילד,
איך דערזע, וואָס די ראָם פון איר טיף אַנטפּלעקט:
איך זע זי אין אַ וויג־שטול — רענואַר׳ס
פרוי באַם ים, גרייט פאַר מיר צו פאָזירן.

דער בלויער הוט קלוג פאַרנויגט איבער שטערן,
פאַרשטעלט דעם פולן בלאַנדן גלאַנץ פון אירע האָר,
אירע אויגן — מיט ווייט פון ים צו מיר געווענדט,
אירע פולע ליפּן — אַ פאַדים־דינער שמייכל צעהעלפט.

און ווייל זי איז געווען — זי,
און ווייל זי איז נאָך אַלץ — זי,
רופט זיך צוריק דער גרין און דער בלוי,
וואָס שימערט פון אירע וואַכע אויגן אַרויס.

דער ים בלינצט מיט זון אויף זיין געזיכט
און וואַסערט צוריק אונדזערע ערשטע טעג
מיט ספּריטנע שפּרייז איבער ווייס צעשטיפּטן שוים
און וועפּט זיך אויס באַ אירע דריבנע, דרייסטע טריט.

זי שטייט נאָך איצט אונטער ווייסן צוויט פון אַלטן בוים
און מאָלט אויף זון געשטרייפּטער קאַנווע זיך אַרויף,
דער צוויט לאַכט יונג פון איר אָפּן מויל אַרויס —
אירע בלאָנדע האָר פאַלן גאָלדיק פון די פאַרבן אַראָפּ.

די פאַרבן קומען האַפּטיקער פון דער ראַם אַרויס,
די צייכנס פון אירע פינגער ווערן לעבן־נאָנט,
זי איז דאָ מיט איר חלום אויף דער וואַך —
איך דערמאָן זיך, איך האָב זי אויך אַנדערש געזען.

2

די ראָם אַנטפּלעקט מער, ווי דאָס בילד לאָזט מיך זען,
זי נעמט מיך אַרום, כ'זע זי אין איר ברייט און טיף,
די פאַרבן נעמען גרייכן אירע געצאַמטע ברעגן אַריבער
און שפּאַרן דאָס ליכט אין מיינע אָפענע אויגן אַריין.

די קאָלירן צעבלענדן זיך אין מיין געשפּאַנטן בליק,
ס'קומען אויף די ערשטע צייכנס פון איר געשטאַלט,
זי גענענט מיט שטאַמלדיקן טראָט איבער איר שאָטן
און גאַנצט זיך אַרויס פון דער געפאַסטער ראָם.

איך שפּיר דעם ציטער פון איר געשטרעקטער האַנט,
זי דעקט אָפּ אונדזער ביינדשאַפט אין ערשטער שיין,
איר שאָטן פאַלט איבער מיר, מיר זיינען ביידע דאָ —
און איך בין די ראָם, און איך בין דאָס בילד:

דער הימל איז אַצינד אָנהייב ליכט און תחילת טאָג,
די זון עפנט זיך אַרויס פון ניי געוואָרענעם בלוי,
דער מאָרגן האַלט הויך די וועלט איבער זיך —
דער ים איז שטיל — פאַר ערשטן ציטער פון ווינט.

איך קוק אויף איר אין געטראָפענעם וואונדער
מיט איבערגעלאָפענער פרייד אין צעפינקלט אויג,
מיין קעל ווערט פאַרשטיקט פאַר שפּאַרנדיקן קלאַנג,
וואָס הענגט מיט ציטער פון מיינע ליפּן אַראָפּ.

זי וועקט דעם באַגין מיט וואַכן שמייכל אין בליק,
דער ציר און דער זין פון מיינע קומענדיקע טעג
איז דער חלום, וואָס קוקט פון אירע בלויע אויגן
און גייט פאַראויס איר שטילן, שטאַלטנעם טראָט.

און אויג מיט אויג, און האַנט מיט האַנט
ציען אַלע קלאַנגען אין ענגער נאָנט אַריין
און פאַרשטעלן אַלע ליכטן מיט ערשטן קוש,
וואָס ווערט אויף גלוסטיקע ליפּן אויסגעאָטעמט.

ס׳שלאָגט אויף מיר איר אָפּגעדעקטע יונגשאַפט
מיט דריבנעם ציטער פון טייך אין לינדן ווינט
און הויערט אַרום מיר מיט שטילן שאָרך פון בלאָט
אין זאַטן זומער־טאָג אויף איינגעדרימלטן בוים.

אויף איר פּנים מילדער אָפּשיין פון הויכער זון,
אין אירע אויגן גרינט און בלויט דער ים,
וואָס לויפט אָן מיט פאַרסאָפּעטן אָטעם צום ברעג —
מיר פאַרשעמען זיך ביידע פאַר ערשטן צוג פון ווינט.

דער ים זאַמלט זיך איין צוריק צו זיך אַליין,
דער ווינט הוידעט זיך אַרום אירע פולע ליפּן,
אַלע קלאַנגען זיינען אַצינד פריי, אירע ווערטער
רופן זיך נאָך איצט איבער אין קלאָרן דערהער:

— „אונדזערע טעג שטייען הויכע, רייפן און צייטיקן
מיט מיר און דיר אין ליבעס׳ גנעדיקער וואָר,
ווען די היינטן ווערן פולער, ווערן מיר מערער —
דער וואונטש און דער חלום גייען מיט באַנאַנד,

„די היינטן גייען און קומען מיט מיר, כ׳צייל נישט,
איך זע דיך אין אַלע זייערע פאַרביקע באַזונדערן,
מיינע בליקן היפּן זיי איבער מיט אַ ווייטן שמייכל —
סיי ווי ווערן מיר אין אַלע באַזונדערן דערגאַנצט.

„קוקסט אויף מיר מיט אַזויפיל נעכטנס אין די אויגן,
אַז איך ציטער פאַר די מאָרגנס איבער מיר,
יעדער באַגין האַלט מיך אין קילער אַנגסט געשפּאַנט,
דער טאָג זאָל דיינע טריט מיט ווינט נישט אַריבערגיין.

„איז אפשר גוט, העכער נאָך ווי גוט, וואָס די היינטן
גייען אָפּ מיט אַלע פאַרבן אויף אונדזערע געשטאַלטן,
ווען אַלע נעכטנס וואָלטן אויף אונדז צוריקגעקומען
וואָלט ליידיק און הויל געוואָרן אונדזער צייט.

„און צייט איז נישט מער ווי עטלעכע טראָפּן פאַרב
געצילט אין אַ גאַנצן קאָליר אונדז אַרויסצושטעלן,
יעדע שאַטירונג ווערט אין ליכט פון פריזמע צעברעקלט
מיר זאָלן זיך אַליין אין אונדזערע געשטאַלטן דערקאָנען.

„דו האָסט דאָס וואָרט פאַר דיין קאָליר און פאַרב געשטעלט,
דערצייכן, דערמאָל מיט קלאָרסטן טראָף דעם פולן קלאַנג
און טאָן פון מיין דערוועגטן קול, זאָל דער מאָרגן קומען,
זאָל ער זען און מיט חסד דיר אַנטקעגן גיין".

זי לייגט איר האַנט, ווי אַ זיגל אויף מיינע ליפּן,
מיין שאָטן קערט אָפּ די זון פון איר געזיכט,
לעשט אויס די רויטע שטרייפן אויף איר גראַנאַט קלייד —
דער ים וואַסערט אַוועק דעם אומגעפּאַלענעם טאָג.

די ראָם דערווייזט אַ לעצטן שטראַל פון איר געשטאַלט,
זי טיילט מיך אָפּ פון אויסגעוואָרענעם בילד,
אין מיינע אויגן שווינדלען נאָך אַלע געזעענע פאַרבן,
איך ווייס — איך האָב זי אויך אַנדערש געזען.

3

אין שפיפענצטער איז איר געשטאַלט אַרויסגעשטעלט,
זי צינדט און לעשט זיך אין ליכט־צעשריגענע שויבן,
די צעטומלטע פאַרבן שווינדלען אַרויס פון דער ראַם
און בייטן זיך פון האַנט צו האַנט אין שימער פון מינץ.

אירע בלאָנדע האָר זיינען מיט רויכיקן גרוי געשטויבט,
דאָס ליכט רעש׳ט אין אירע געפאַלענע אויגן,
פון גלאַנציקן שטיפט אויף אירע פולע, אָפענע ליפּן,
ווערט איר געזיכט מיט פאַרב אויף פאַרב געפאַרבט.

די ראַם טיילט זיך אָפּ, לאָזט זי אין אַ מוטנעם בלויז,
קילער ציטער שלאָגט פון איר נאַקעט, שטאַרן בליק,
דאָס ליכט פאַרגייט געל אויף די ווייסע שפּיצן פון איר הויט
און קערט זיך שיף פון אָפּגעדעקטן בילד אַוועק.

זי יאָגט זיך צו מיר אַן ווינט, אַן קלאַנג און פאַלט —
אַ שאָטן פון ליכט אָפּגעריסן פאַר מיין פאַרגליווערט
געוואָרענעם טראָט. די ראַם ליגט צעפאַלן, איך קוק
מיט ליידיקע בליקן אין ליידיקע אויגן אַריין.

שטומער, שטאַרער שטוין, שאַרט מיין שרעגן שפּרייז צו איר,
איך שריי מיט חלום־באַנומען קול אין צעפאַלענער ראַם:
— „וואו האָסטו דעם שאָטן פון דיין געשטאַלט פאַרלוירן?
ווער איז דאָ דער מייסטער דיך אַזוי פאַרביק צו דערהויבן,

„צו לאַזן דיך פאַלן אַצינד אַן וואונק, אַן צייכן —
מיך צווינגען גרויליק קלאָר דיך צו זען אין אַ וואָר,
וואָס שלאָגט מיך מיט בלינדקייט פון צופיל ליכט
און פאַרבלענדט דיינע פאַרבן מיט צעשריגענער שיין?

„זאָל זיין — איך האָב דיך קיינמאָל נישט געזען?
אַ חלום בלויז האָט מיך אין דיין ראָם פאַרנאַרט
וואו דיין געשטאַלט איז דאָרט קיינמאָל נישט געווען
און איך קאָן מער נישט חלומען אין אַזאַ וואָר?

„פאַרוואָס איז אַצינד מיין אייגענער שאָטן אַזוי קלאָר,
ער בויגט זיך איבער און ציט מיך ווייט אַריבער
דעם פאַרפאַלענעם בליק אין דיינע געשלאָגענע אויגן,
ווען איך מעסט מיין שטאַמלדיקן טראָט צו דיר?

„וואָר איז דער ים מיט זיין שפּאָן און רויש,
ער טראָגט מיט זיך דעם ווייסן שוים, וואָס וואַשט אַראָפּ
דעם שטויב פון דיינע פאַרלאָשענע אויגן און נעכטנט
מיך צוריק אַוועק צום ערשטן בליק אויף דיין געשטאַלט —

„ווען דו ביסט יונג געווען און מיין וועלט איז אויך אַזוי געווען.
אַצינד, פון דיין ראָם אַרויסגעפאַלן, קוקן דיינע אויגן
אויף מיר מיט געשריי פון בוים מיט בליץ געטראָפן
און איך ווער אויך אין זיין פלאַם פאַרצערט.

„די וואַר פון מיינע טעג איז אויף אָפּענע ליפּן פאַרחתמעט,
איך ראַנגל זיך מיט דער זון, וואָס איז ווי דו
מיט אָנזאָג געקומען און פאַרגייט מיט אימה איבער מיר —
זי האָט אַלע אירע שאָטנס איבער מיר אַריבערגעצויגן.

„און טאָג נאָך טאָג, און שפּאַן נאָך שפּאַן גיי איך איין
מיט פּחד־דולע שפּרייז אין אַ מדבר אַרומגעקרייזט,
און מוו בעטן אַנטרין באַ דיינע פאַרגעסענע נעכטנס
מיין חלום אין אַ חלום אונדזביידן ווידער צו דערקאָנען".

איך הייב זי אויף, אירע אויגן עפענען זיך,
זיי קוקן אויף מיר דורך געפינטלטע בליקן
פון אַ קוים דערוועקטן דרימל, ס'הויערט אַרום
אירע לאַנגע וויעס האַלב־דערוואַכטער חלום.

אַלע אירע נעכטנס לויפן אַן אויף מיר, כ'בין אַליין —
אַן איינציקע שויב אין אַ לאַנג פאַרלאָזן הויז,
דער ווינט גייט מיר פאַרביי, לאָזט אויף מיר דעם ערשטן
אָוונט־שאָטן — זי ווערט מיר חלום ווייט און אָטעם נאָנט.

דער ים שפּרייט זיך אויס מיט בלוי גרינעם שימער
און העלט אויף אין לעצטן אָוונט־גלאַנץ איר געשטאַלט,
איך קוק נאָך דער שיין זיך פאַרלירן אויף איר געזיכט,
דער אָוונט ווערט פול אין מיינע אויגן, איך זע נאָך —

די שאָטנס פון אָוונט שפּרייטן זיך ווייטער פון אונדז,
זיי פאַרדעקן אַלע פאַרבן פון איר צעפּאַלענער ראָס,
בלויז אירע אויגן קומען נענטער, שאַרפער צו מיר —
איך געדענק — איך האָב זי אויך אַנדערש געזען.

4

לאַנגע טרעפּ פאַלן אַראָפּ פון מיינע הויכע שפּרייז,
גלעזערנע טירן אַיילן מיך אַרויס צו אָפענער זון,
די זענקט מיינע וויעס, און מיין בליק שפּרינגט אָפּ
פון יעדן אויג, וואָס שווינדלט זיך פאַר מיר פאַרביי.

דער טאָג איז אַזוי הויך, די וואָלקנס אַזוי ווייס,
דער הימל — צאַרטסטער בלאָ, שטייגט אַלץ העכער
און רינט אויס אין שימער פון מיין אָפּן אויג
פאַרבלינדט פון ליכט אָן אַ מינדסטן שאָטן.

איך קער מיט דערווידער זיך אָפּ פון דער זון,
וואָס צווינגט מיך מיט שאָטן זיך פאַרשטעלן
ביז דער שאָטן ווערט איך, און בלויז דער קלאַנג
פון מיינע טריט זאַמלט אויף דעם וועג הינטער מיר.

אין צעלאָזענעם ליכט פון טאָג גייט מיר נאָך דער חלום,
וואָס איך האָב אין דער פולער ראָם נישט דערזען.
קלאָרער גייט מיר איצט פאַראויס דאָס נישט פאַרנומענע
און ווערט אַלץ וואַכער אין דער געוואָרענער וואָר.

יעדע שויב קוקט אויף מיר אַצינד פון בלויז אַ ראָם,
ס׳שווינדלט פון ביסטרע אויגן מיט רויט־גרין, גרין־רויט.
מיין טראָט פאַלט צוריק אויף יעדן ראָג איך טרעט נאָר אָן
אין אַנטלויף פון געפּאַר, וואָס יאָגט אָט, אָט מיך אַריבער.

שאַרסטקע טריט הילכן אָפּ פון שטיין און גראַניט,
זיי פאַרשטעלן דעם וועג וואוהין איך זאָל נישט קערן,
דאָס ליכט ליאַרעמט איבער גאַסן מיט בהלה פון רעדער,
וואָס קאָנען נישט לאָזן קיין צייכן פון זייער שליאַד.

איך בין שוין לאַנג פון הויז און היים,
וואו איך קום, בין איך דעם ווינט אין וועג,
מיר איז גאַרנישט געבליבן צו זען אין אַ וואָר,
וואָס ווייסט נישט, אַז זי האָט איר חלום פאַרלוירן.

איך האָב סיי ווי צו לאַנג זיך דאָ פאַרזאָמט —
אַזויפיל זאַכן האָב איך אין דער היים פאַרגעסן,
איך מוז זיך פעדערן, דערקומען צו מיין שוועל
איידער דער טאָג איז צום ראַנד דערגאַנגען.

כ׳מאַך אויף די טיר, דער טיש איז שטום געדעקט,
דאָס ברויט, דער קעז, די טיי מיט אויג אַנגעגאָסן —
אַלץ איז נאָך פריש, נאָר ס׳פייער, וואָס האָט אין אויוון
געברענט איז פאַרלאָשן, און דאָס אַש, ווי שימל, גרויט אַרויס.

איך זיץ אין מיין וויג־שטול, פון די שויבן צעפּאַלט
אַ רויטע שײַן אויף שטויב באַ מיינע מידע פּיס,
מיינע וויעס נידערן אַריבער די אויגן און פּאַרציען
די שײַן פון נאָך נישט אונטערגעגאַנגענעם טאָג.

איך בין נישט אַליין, פאַרבן קוקן אין מיינע אויגן אַרייַן,
ס׳קלאַרט זיך אויס די ווייט פון איר צעפּאַלטענער ראַם
אין טיפן מאַראַנט, גרינעם גאָלד און צאַרטן רויט,
זיי צינדן זיך אָן און שלאָגן מיך אָפּ אין זייער שײַן.

אַלע מיינע טעג ווערן אַצינד אַנטפּלעקטע צייכנס,
זיי ברעקלען, גאַנצן זיך אין אַ בלאָ־גרין ליכט,
שפּיגלען צוריק אירע בלויע אַפּלען מיט אַלע פאַרבן
פון מיין ערשטן בליק אויף איר אויפגעלויכטן געזיכט.

אין יעדן געקומענעם טאָג, אין יעדן געוואָרענעם פאַרנאַכט,
ווערסטו דאָס ליכט און דער שאָטן, צעהעלסט און באַנייסט
דעם דראַנג און דעם וואונדער, דעם וואונטש און דעם ווילן,
וואָס איז געקומען מיט חלום און געוואָרן וואָר מיט דיר.

און ווייל איך האָב אין דיין שיינקייט זיך אָפּגעשפּיגלט,
און ווייל איך האָב מיין חלום אין דיין וואָר דערזען,
ווייס איך קלאָר, אַז שײַן איז נאָר, וואָס גערעכט איז —
אַזוי בין איך גאַנץ אין מיין שטענדיקער ראַם געפּאַסט.

מיטביידע אויגן אויף דיין צעפּאַלענער ראָם קאָן איך פריי
מיין באַזונדער דערקאָנען, איך דערוועג זיך מיט פולן אָטעם
אין פרייער קעל קלאָר דערזאָגן דאָס ערשטע וואָרט צו דיר,
וואָס דיין פינגער אויף מיינע ליפּן האָט שטרענג פאַרמאַכט.

ביסט שיין, ביסט וואונדער אין שטענדיקן איבעראַניי,
ווערסט מיר ליבער אין אַלע געקומענע פאַרבן פון אָוונט,
וואָס שימערן זיך אַריין אין מיינע נישט דערפולטע אויגן,
ווען ס׳רופן זיך איבער אַלע נעכטנס צווישן מיר און דיר.

אונטער פרייען הימל, מיט פולער זון אין איינציקער
טרער, גיי איך דיר אַנטקעגן, און מיט אָפענע ליפּן
זאָג איך דיר — איך האָב דיך ליב, איך האָב דיך ליב
און פון חלום ביז חלום שטאַרב איך זיך אַריין אין דיר.

איך האָב דיך געזען אין אַלע ליכטן בונט צעבלענדט,
אויף די שאָטנס איבער דיר האָב איך די אויגן נישט פאַרמאַכט –
פון אונדזער ביינדשאַפט זענען צוויי באַזונדערן געבליבן
און אינדערמיט — די פאַרבן מוטנע, זענען צעמישט געוואָרן.

און פאַרוואָר, די פאַרבן זענען נישט אויסגעמישט געוואָרן,
כ׳זע צוריק די ערשטע שיין גרייכן פון דיין ראָם אַרויס,
איך זוך אַצינד דאָס וואָרט, וואָס זאָל מיט חסד מיר ביישטיין
אונדזער ביינדשאַפט אין אַלע באַזונדערן צו דערהאַלטן.

איך וועל שטענדיק זען אויף קאַנוועס דיין געשטאַלט —
אַ וואָר וואָס איז נישט דערוואָרן מיט מיר און דיר,
דיינע אויגן וועקן אויף דעם שטילן שימער פון ים,
ווי דער ים קומסטו אויף און שיינסט צוריק זיך אַליין.

צו באַנאַנטן דיך איז מיט גנאָד מיר באַשערט געוואָרן,
אונדזער נעכטנס טרויער־פרייד איז אין דיין ראָם
פאַרשטילט געבליבן, ווען דיין שאָטן איז מיט אָוונט
אויף מיר געפאַלן. איך געזעגן זיך מיט דיר ס׳ערשטע מאָל.

אַ שווערע שטילקייט גייט אויף אין מיר, די פאַרבן צינדן
זיך אויס, גייען אַוועק מיט שטויב אין צערונענער זון,
איך הער די ערשטע אָוונט־קלאַנגען רוישן איבער מיר,
זיי פאַרטויבן מיך, הייבן מיך אויף און נעמען מיך מיט.

דער דור פֿאַר מיר

דער דור פֿאַר מיר איז צו פֿרי אַוועקגעגאַנגען
און איך בין מיטאַמאָל אַלט געוואָרן.
איך בין געציילטער און אַליינזאַמער געבליבן
און לאַנגזאַם רעשטל איך זיך טעגלעך אויס.

דער האָריזאָנט איז שמאָלער און שמעלער געוואָרן
און דער טאָג פֿירט וואו די זון פֿאַלט אַראָפּ,
איך קוק מיט נייגיר זיך אום הינטער מיר
און גלייב נישט, אַז קיינער גייט מיר נישט נאָך.

וואָס מיינער די טעג הויבן זיך אָן אויף מיר
און העלער ס׳ווערט דער זילבער אויף מיינע האָר,
אַלץ נענטער דערקום איך צום פֿאַרגאַנגענעם דור
און זע זיך אין אים מיט יעדן קער און ווענד.

דער פֿאַרנאַכט ווערט מערער, דער אָוונט קענטיקער
און דער זילבער אויף מיינע האָר לייכט דעם וועג,
מיט גלייכן קאָפּ און דריבנעם טראָט גיי איך אַהין
וואו די זון מיט אַלע אירע פֿאַרבן פֿאַלט אַראָפּ.

מיין זיידנס שאָטן

מיין זיידנס שאָטן איז פרי געפאַלן אויף מיר
און גנעדיק פאַרשטעלט מיין שפרייז פון קינד,
איך בין אַ גרויסער אין זיין שאָטן געוואַקסן,
פון אַ קינדהייט האָט מיין מאַמע מיר דערציילט.

דער טאָג האָט זיך היינט אויפגעכאַפּט מיט מיר
און אָפּגעציילט די צווייטע ראַטע פון מיין לעבן,
נישט איך קימער זיך, און נישט איך אַייל זיך
די לעצטענע ראַטע גאַר פּינקטלעך אויסצוצאָלן.

אַז כ׳קוק צוריק צו די נעכטנס הינטער מיר
האָב איך יאָר הונדערטער גרויל אויסגעלעבט,
נישט איך בענק, נישט כ׳האָב מינדסטן באַגער
דעם אייגענעם וועג אָבעראַמאָל איבערצושפּרייזן.

די אָנגעקליבענע נעכטנס אויף מיינע אַקסלען
טראָג איך מיט דאַנק יעדערן מאָרגן אַנטקעגן,
נישט איך צייל זיי, נישט איך רעכן זיי, סיי ווי,
וועל איך גאָר דעם סך הכל נישט אונטערפירן.

ווי מיין זיידע פאַר מיר אין באַשיידענעם גאַנג
גיי איך מיט אייגענע טריט מיין באַשערטן וועג,
נישט מיך פאַרדריסט, און נישט איך באַדויער,
וואָס כ׳בין נישט געוואָרן מיינער ווי איך בין.

און וואָס איז ביז היינט ווייט געווען פון מיר
קומט שוין נענטער מיט יעדן גאַנג פון טאָג,
און נישט איך פלאַטער, נישט איך פאַרגיי זיך —
מיר איז קלאָר — אַנדערש קאָן גאָר נישט זיין.

פון טאָג איז גאָלד אויף די שויבן געבליבן,
אין האַלב דרימל זע איך דעם ווינט לופטערן
דעם ווייסן צוויט פון צעזומערטן קאשטאן בוים
אויפן פאַדוועך פונעם זיידנס באַלויכטן הויז.

דעם זיידנס לאַנגער שאָטן נייגט זיך איבער מיר,
אַ שטילע ווייסקייט שטראַלט פון זיין געזיכט אַראָפּ,
איך שטרעק אויס מיין ציטערדיקע האַנט צו אים
און הער בלויז ווערטער פיר: נאָך נישט, נאָך נישט.

אינהאַלט

אין דרויסן פון דער וועלט

אין דרויסן פון דער וועלט 5
אונטערן קאַשטאַן בוים — 15
דאָס לעצטע פייער — 17
באַם קוואַל — 18
גאָלדענע אַפריקאַזן — 21
די רויז — 22
דער טאָג — 23
אויף יענער זייט נאַכט — 24
אַ האַרבסט־טאָג אין די אַדיראָנדקעס — 25
פרילינג־ליד — 27
אין וואַלד — 28
באַלד — 30
מיט־זומער — 32

אויג אויף אויג

מיין טאַכטער — 35
מיינע טעג — 36
אויג אויף אויג — 37
דער לעצטער וואונדער — 38
אין געדרענג — 40
אין שפיגל — 41
נאָוועמבער אין פּאַרק — 43
אַ יולי־טאָג — 47
אַ בליק — 48
די ברכה פון טרויער — 49
דער שד — 51
אין וואַלד — 52
איך באַלייט מיין טאַטן — 54
זיבן וואַריאַנטן אויף איין טעמע — 56
אַ פּאַרטאָג — 60
אין דרויסן — 61
אַזויפיל יאָרן — 62
די פאַלנדיקע פילקע — 64
דו זאָגסט — 66
אַפּן דעק — 67
הימל און ים — 69
זי גייט מיר אַנטקעגן — 71
שטילע, ווייכע טריט — 72
דער באַנקעט — 73
דער מאַסקאַראַד — 74
די טויב — 75
דער פישער מיט דער זון — 77
שלאָפגעטראַנק — 79
פּיאַטזאַ סאַן פּיעטראָ — 81
דיין בליק — 83
פאַר אַלץ — 86
א. באַ זיין בעט — 87
ב. דער חשבון איז צדק — 90
ג. זיין צוואה — 91
ד. עפּילאָג — 92
פאַראַן — 94

דאָס וואָרט

און עס איז געוואָרן — 97
אונדזער גראַמאַטיק — 98
אויף יענער זייט גאָרטן — 100
צווישן מינים — 101
גיי אַוועק — 102
דער פּלאַם — 104
דאָס וואָרט — 105
אין שיין פון מאָרגן — 106
מנחה־בלאָ — 107
דער מבול — 108
ווידער קול — 109
פאַרנאַכט — 111
אַ פאַרטאָג מיט שפּינאָזאַ — 112
פרייד און פאַרכט — 113
זיי שטיל — 115

די ראָם

זאַלבענאַנד — 119
דערווייל — 120
מיט לעיעלעסן אין סענטראַל פּאַרק — 121
איך ווייס — 125
די ראָם — 126
דער דור פאַר מיר — 141
מיין זיידנס שאָטן — 142